Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פּרייז 20 גראָשען | היינט 8 זייטען.

לאָדזשער פאָלקסבלאַט

אומפּאַרטייאישע פּאָליטיש-געזעלשאַפטליכע טאָג-צייטונג

Nr. 188 | Łódź, Wtorek 13 sierpnia 1929 r. | זיבעטער יאָהרגאַנג | לאָדז, דינסטאָג, ז׳ מנחם אב תרפ״ט | № 188

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 24-71. | אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּיעטריקאָווער 21, טעל. 24-71

גאַנץ ענגלאַנד אונטערשטיצט סנאָודענס פאָדערונג אין האאַג

ערקלערט מאַקדאָנאַלד אין זיין טעלעגראַמע צו סנאָודען׳ען

די קאָנפערענץ זאָל דאָנערשטאָג אָדער פרייטאָג איבערגעריסען ווערען

האַאַג, 12 (ספּ.טעל.) זונטאָג אין אָוונד האָט דער ענגלישער פינאַנץ-מיניסטער סנאָודען דערהאַלטען אַ טעלעגראַמע פון מאַקדאָנאַלד, וואָס קען ענדגילטיג דעצידירען וועגען דעם אויפרייסען די קאָנפערענץ אין האַאַג.

דער ענגלישער פּרעמיער ערקלערט אין די דאָזיגע טעלעגראַמע, אַז גאַנץ ענגלאַנד, אָהן אונטערשיד פון די פּאָליטישע אָנשויאונגען אונטערשטיצט סנאָודענס שטעלונג און פאָדערט אַדורכצופיהרען אַ ענדערונג אין יאָנגס פּלאַן לטובת ענגלאַנד. מאַקדאָנאַלד בעט סנאָודענען, אַז ער זאָל אין דעם גייסט ווירקען אויף די פאַרשטעהער פון די אַנדערע מלוכות אין דער האַאַגער פינאַנץ-קאָמיסיע.

אין די קרייזען פון דער פראַנצויזישער דעלעגאַציע האָט מען היינט ערקלערט, אַז נאָך דער דאָזיגער טעלעגראַמע איז כמעט פולשטענדיג פערשוואונדען די האָפנונג, אַז עס זאָל קומען צו אַ פערשטענדיגונג צווישען ענגלאַנד און פראַנקרייך.

די פראַנצויזישע דעלעגאַציע וויל אָבער נישט דערלאָזען צו אָפענעם דורכפאַל פון דער קאָנפערענץ און וועט זיך דעריבער בעגניגנען מיט אַ אָהנטערמיניערען אָבלעגען פון דער קאָנפערענץ.

די קאָנפערענץ וועט דאָנערשטאָג אָדער פרייטאָג איבערגעריסען דורך אַ פאָרשלאַג וועגען אָבלעגען.

דעקלאַראַציע פון דער פּוילישער רעגירונג אין האַאַג

מיניסטער זאַלעסקי קומט נישט צוריק קיין וואַרשאַ

וואַרשאַ, 12 (טעלעפאָניש). אין דער אָוונד-פּרעסע האָבען זיך בעוויזען ידיעות, אַז דער אויסערן-מיניסטער זאַלעסקי קומט צוריק קיין וואַרשאַ. ווי ס׳ווייזט זיך אַרויס איז די ידיעה נישט ריכטיג.

מיניסטער זאַלעסקי וועט בלייבען אַזוי לאַנג אין האַאַג ביז ס׳וועט נישט ערלעדיג ווערען די פראַגע פון דער עוואַקואַציע פון רהיין. אין דער פּאָליטישער קאָמיסיע וועט מינ. זאַלעסקי אַדורכ-לייענען אַ דעקלאַראַציע אין נאָמען פון דער פּוילישער רעגירונג.

אָפּקלאַנגען פון לעגיאָניסטען-צוזאַמענפאָהר אין נאָווי-סאָנטש

פאַרוואס איז גענעראַל רידז-שמיגלי נישט געקומען אויפ׳ן צוזאַמענפאָהר?

וואַרשאַ, 12 (טעלעפאָניש) ווי מען מאַכט אויפמערקזאַם איז גענעראַל רידז-שמיגלי בכיון נישט געקומען צום לעגיאָניסטען-צוזאַמענפאָהר. אין צוזאַמענהאַנג מיט׳ן בריף פון מאַרשאַל פּילסודסקי האָט ער בעקומען אַ וואונק נישט צו קומען. די אָפּאָזיציע האָט אויפ׳ן צוזאַמענפאָהר נישט בעקומען קיין וואָרט. די רעדנער זענען בעשטימט געוואָרען דורך פּולקאָווניק סלאַוועק. איבערהויפּט איז אַלץ מילד אַוועקגעשטעלט געוואָרען, די מאָסגעבענדע ספערען היילען זיך פערשטענדיגען מיט׳ן סיים צו דער נאָהענטסטער סיים-סעסיע. דעריבער איז אויך מעגליך, אַז די קאָנסטיטוציע-פראַגע וועט ערשט בעהאַנדעלט ווערען ענדע נאָוועמבער.

וואַלדעמאַראַס בעגריסט דר. ראָזענבוים צו זיין 70 געבורטסטאָג

ירושלים, (יט״א) דער געוו. יודישער מיניסטערפון ליטע ד״ר ש. ראָזענבוים האָט צו זיין 70-טען געבורטסטאָג, וועלכען ער האָט געפייערט די טעג, בעקומען אַ בעגריסונג-דעפּעשע פון ליטווישען פּרעמיער-מיניסטער פּראָפ. וואַלדעמאַראַס. אין דער דעפּעשע ווינשט איהם דער ליטווישער פּרעמיער אַ אריכות-ימים לטובת דעם ארץ-ישראל אויפבוי-ווערק, ער בעט אָבער דעם בעל-היובל, אַז ער זאָל אויך נישט פערגעסען וועגען זיין צווייט פאַטערלאַנד ליטע.

דער ליטווישער פּרעזידענט סמעטאָנאַ האָט דר. ראָזענבוימען ערטיילט דעם גערעמיק-אָרדער.

שרעקליכע פּאַניק אין אַ טאָמאַשאָווער קינאָ

צוליב אַ דונער

טאָמאַשאָוו, (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספּאָנדענט).

בעת די מורא׳דיגע בליצען און דונערען, וואָס האָבען זיך דעם לעצטען שבת-צונאַכטס געטראָגען איבער טאָמאַשאָוו, האָט אַרום האַלב עלף אין אָוונד אַ דונער אָפּגעקלאַפּט דעם בליץ-אָפּלייטער וועלכער האָט זיך געפינען אין אַ זייט אויף דער געבייידע פון היגען קינאָ „מאַרערן״ אויף פּעליטש-נאַרגאַם און אַריין אין אַ זייט פון דער געבייידע.

אין קינאָ-זאַל, וואו ס׳האָט זיך נראַר געפינען אַ פּובליקום פון איבער 500 פּערזאָן, האָט זיך פּלוצלונג געהערט אַ געוואַלדיגער קנאַל. די עלעקטריע איז פערלאָשען געוואָרען און צווישען עולם, וועלכער האָט געמיינט, אַז דער דונער איז אַריין אין זאַל, איז ענטשטאַנען אַ שרעקליכע פּאַניק.

אַלע האָבען זיך מיטאַמאָל גענומען וואַרפען אין דער פינסטערניש צו דער אַרויסגאַנגס-טיר. פרויען האָבען ספּאַזמירט, קינדער האָבען געוואַלדעוועט, מענשען זענען אומגעפאַלען אויף דער פּאָדלאָגע און מ׳האָט אויף זיי געטרעטען. ס׳זענען אָפּגעריסען געוואָרען שטיקער בגדים ביי אַ טייל פרויען און מענער, ס׳זענען אַוועקגעקומען חפצים און ווער ווייסט צו וואָס די פּאַניק וואָלט דערפיהרט, ווען דער זאַל וואָלט נישט צוריק בעלויכטען געוואָרען.

די סעסיע פון דער יודישער אַגענץ אין ציריך

צווייטער טאָג

די ווייטערדיגע דעבאַטע אויף דער סעסיע פון דער יודישער אַגענץ

ציריך, 12 (י. ט. א. טעלעגראַפיש). נאָך ד״ר פרענקעלס רעדע האָט גענומען אַ וואָרט פעליקס וואַרבורג, וועלכער האָט אַרומגערעדט די אויפגאַבען פון די נישט-ציוניסטען.

מיר ווינשען האָט וואַרבורג געזאָגט צו געפינען אַ איינהייטליכען מיטעלוועג מיט די ציוניסטען, דער בודושעט איז אָפּהענגיג אין ערשטער רייה דערפון, וואָס ארץ-ישראל קען געבען צושטייער. עס דאַרף פעסטגעשטעלט ווערען, וועלכע פערפליכטונגען די ענגלישע רעגירונג האָט לגבי די מוזולמענישע און יודישע בעפעלקערונג אין ארץ-ישראל.

דאַן רעדט קאָלאָנעל קיש, וועלכער ערקלערט אַז די ציוניסטען זענען מסכים אויף דעם פּלאַן פון פינאַנץ-קאָאָפּעראַציע. די ציוניסטען זענען אויך שטענדיג געווען פאַר פריוואַט-איניציאַטיוו.

דריטע זיצונג פון דער סעסיע

ציריך, 12 (י.ט.א. טעלעגראַפיש). אויף דער דריטער זיצונג פון דער אַגענץ-סעסיע זענען פאַרגעלייענט געוואָרען בעגריסונגען פון פערשידענע יודישע קהלות דערונטער אויך פון דער „בני-ברית״ לאָזשע אין לאָדז, פון ח. נ. ביאַליק.

אויף דער טריבונע איז אַוועקגעשטעלט אַ גרויס בילד פון ד״ר הערצל און אַ מאַפּע פון ארץ-ישראל, וואָס ווערט אויפגענומען מיט אַפּלאָדיסמענטען.

דאַן קומט פאַר די ווייטערדיגע דעבאַטע אין וועלכע עס בעטייליגען זיך שמריהו לעווין, ד״ר ארלאזאראָוו, לעאָן בלום, בן גוריון, הערמאַן שטריקער און צום סוף פּראָפ. ווייצמאַן.

פאַר׳ן שליסען די זיצונג ערקלערט דער פּרעזידענטער לואי מאַרשאַל, אַז עס איז אַריינגעטראָגען געוואָרען אַ פאָרשלאַג איינצולאַדען אין דער אַגענץ אַלע יודישע גרופּירונגען, דערונטער אויך די „אגודה״.

אויסגעוועהלט אַ קאָנסטיטוציע און בודזשעט-קאָמיסיע

ציריך, 12 (י.ט.א. טעלעגראַפיש) דער ראַט פון דער יודישער אַגענץ האָט אויף דער היינטיגער זיצונג אויסגעוועהלט אַ קאָנסטיטוציע קאָמיסיע און אַ בודזשעט-קאָמיסיע.

(ווייטערדיגע ידיעות וועגען דער יודישער אַגענץ זעה צווייטע זייט)

Dr. med.
H.LAJCHTER
צאָהן-כירורג
דזיאָסלע-, קין-, גימען-, און צונג-קראַנקהייטען.
Konstantynowska 9.
telefon 49-66
d 1½—5 po pol. 4604

די פערוואַלטונג פון פעראייניגטען סוחרים- און פאַבריקאַנטן-פערבאַנד
19 פּיעטריקאָווער 19
Związek Ziednoczonych Kupców i Przemysłowców
פאָדערט אויף די מיטגלידער אָפּצונעמען זייערע לעגיטימאַציעס. גלייכצייטיג ווערט מיטגעטיילט, אַז צום בעקוועמליכקייט פון די מיטגלידער איז דער פעראיינס-אַדוואָקאַט בעאויפטראַגט געוואָרען צום ערלעדיגען פאַר די מיטגלידער קלאָזזולעם אומזיסט. נייע מיטגלידער קענען זיך איינשרייבען טעגליך אין די ביוראָ-שעה׳ן פון 5 ביז 9 אַ זייגער אין אָוונד.

נאָך לאַנגע און שווערע ליידען איז געשטאָרבען אין עלטער פון 67 יאָהר מיין ליבע פרוי, אונזער טייערע און אומפערגעסליכע מוטער, שוויגערמוטער, גרויסמוטער און אורגרויסמוטער
נ. ע. מרים חנה
בת הרב ר׳ משה אהרן ז״ל מ״מ ומו״צ בעיר ביעלסק
אשת
ר׳ משה נ״י אלענבערג
די לויה וועט פאָרקומען היינט, דינסטאָג, ז׳ מנחם אב תרפ״ט (13 אויגוסט 1929) 1 אַ זייגער בייטאָג פון טרויער-הויז צעגעלניאַנאַ 45, וועגען וואָס עס טיילט מיט אין גרויס צער
די טיפטרויערנדע פאַמיליע.

לאָדזשער שטאָט-טעאַטער ציגעלנאַס 63
גאַסטראָלן ווילנער טרופּע אַנפ. מ. מזאה
— פוי דער יאר XIV
רעצטע געזעגנונגס-פאָרשטעלונג
היינט, דינסטיק, דעם 13-טן אויגוסט 8.30 אין אָוונט
„קדוש השם״
בילעטן צו באַקומען פון 10 פרי ביז 2 נאָכמ. און פון 6 אַ זייגער אָן ביי דער קאַסע פון שטאָטישן טעאַטער.

ערשטע סעסיע פון דער יודישער אגענץ אין ציריך

שלום אש'ס בעגייסטערטע רעדע—פראָפ. ווייצמאַנ'ס 5-יעהריגער ארבייטס-פּלאַן—לאָרד מעלטשעט און ווארבורג געגעבען א מיליאן דאלאר אויף אינוועסטיציע צוועקען—די אמעריקאנער האלטען דעם בודזשעט פון ציוניסט. קאנגרעס פאר צו קליין

שלום אש'ס רעדע אויף דער ערעפנונגס-זיצונג פון דער יודישער אגענץ

צ י ר י ך, 12 (י.ט.א. טעלעגראַפיש) ביי דער ערעפנונג פון דער אַגענץ-פערזאַמלונג האָט שלום-אַש געהאַלטען אַ גרויסע רעדע, אין וועלכער ער האָט צווישען אַנדערען געזאָגט:

אין אַ שעה פון נויט, ווענדעט זיך אַש צו ד"ר ווייצמאַן, האָט איהר זיך געווענדעט צום צווייטען און צושפּרייטען פאָלק מיט דעם רוף „יודיש פאָלק ווי ביזטו"? אויף דער היינטיגער פערזאַמלונג זענען מיר זיך צונויפגעקומען פון אַלע עקען וועלט מיט דעם ענטפער „מיר זענען דאָ". און אין די אַלע ווינקלעך פון דער וועלט וואו דער רוף האָט נאָך נישט דערגרייכט, זענען זייערע הערצער אין וואונשען דאָ. דאָס יודישע פאָלק פון אַלע דורות האָבען זיך דאָ פערזאַמעלט, דער גרויסער קידוש השם פון דער יודישער געשיכטע איז דאָ מיט אונז און פערלאַנגט פון אונז אַ תיקון. דער אויפבוי פון ארץ ישראל דורכ'ן יודישען פאָלק וועט ווי אַ ליכט צוריקפאַלען און וועט דער גאַנצער בלוטיגער פערגאַנגענהייט געבען אַ טעם און אַ זין, אונזערע יסורים, אונזער עקשנות געגען אַ גאַנצער וועלט, אונזערע צום טוים-פערפייניגטע מערטירער רופען אונז צו טאַט און אַרבייט. געבענשט זאָלען זיין די הענד וואָס טוען אַזאַ אַרבייט.

אין דער דאָזיגער היסטאָרישער פערזאַמלונג האָב איך דעם כבוד צו זיין דער שליח צבור פון דעם פערוואַהרלאָזטען טייל פון יודישען פאָלק אין פוילען, פון די אָרימע יודישע מאַסען, ארץ-ישראל איז פאַר זיי נישט קיין גייסטיגער לוקסוס נאָר אַ בלוטיגע נויטווענדיגקייט. מיט הונגעריגע אויגען קוקען זיי אויס, אַז מ'זאָל זיי שאַפען אַ באָדען אונטער די פיס, מיט קלאַפּענדיגע הערצער פאָרשען זיי נאָך אונזער אַרבייט. אָבער מיר דאַרפען נישט בלויז אין זינען האָבען דאָס לאַנד, נאָר געכמעהר דאָס פאָלק, דעם אויפבוי פון יודישען פאָלק דורך ארץ-ישראל.

ארץ-ישראל האָט אָנגעשטעקט די יודישע מאַסען מיט הונגער נאָך באָדען, יעדער אייל דאַרף דעריבער פערוואַלטעט ווערען מיט קלוגשאַפט, עס זאָל זיין אַ שפע פון ברכות.

ס'איז ווינציג אויפצובויען דאָס לאַנד, עס מוז געבויט ווערען אויף געזונדע סאָציאַלע יסודות, אין דער גרויסער אַרבייט דאַרפען פערווישט ווערען די קלאַסען-אונטערשידען. מ'דאַרף געדענקען, אַז די מאַסען בענקען נאָך אַ לאַנד און דאָס לאַנד נאָך אַ פאָלק.

לואי מאַרשאַל פּאָרזיצענדער פון דער סעסיע פון דער יודישער אַגענץ

צ י ר י ך, 12 (י.ט.אַ. טעלעגראַפיש) די ערשטע געשעפטס-זיצונג האָט זיך געעפענט 11 אַ זייגער אין דער פריה. אַלס פאָרזיצענדער פון דער סעסיע איז אויסגעוועהלט געוואָרען לואי מאַרשאַל, אַלס וויצע-פאָרזיצער לאָרד מעלטשעט. ד"ר ווייצמאַן האָט געהאַלטען אַ רעפעראַט וועגען די אויפגאַבען פון דער אַגענץ אויף די נאָהענטסטע 5 יאָהר. ד"ר ווייצמאַן האָט אויסגערעכענט פאָלגענדע 5 ערשטע אויפגאַבען: 1) איינשטעלען בעציהונגען מיט דער מאַנדאַטען-מאַכט; 2) אָננעהמען שריט, אַז ס'זאָל צונויפגעשטעלט ווערען דער באָדען-קאַטאַסטער; 3) שאַפען באָדען-רעזערוען; 4) די אַגענץ זאָל שטיצען די גערדיכטע יודישע זידלונגס-אַרבייט, שאַפען אַ געשלאָסענעם קאָלאָניזאַציאָנס-סיסטעם, בעמיהען זיך ס'זאָל איינפליסען יודישער קאַפּיטאַל, מאַכען בעמיהונגען, אַז ס'זאָלען בעשעפטיגט ווערען יודישע אַרבייטער ביי דער קאָלאָניזאַציע-אַרבייט; ס'זאָל געשאַפען ווערען אַ גענויער קאָלאָניזאַציע-פּלאַן אויף די נאָהענטסטע 5 יאָהר.

ווייצמאַנ'ס פּלאַן איז, אַז אין די נאָהענטסטע 5 יאָהר זאָל איינוואַנדערען קיין ארץ-ישראל 100 טויזענד איינוואַנדערער יעדעס יאָהר 20 טויזענד דאָס הייסט 5 טויזענד משפחות. 1000 משפחות זאָלען בעזעצט ווערען אויפ'ן לאַנד, 3000 משפחות זאָל זיך פערנעהמען מיט אינדוסטריע און מלאכה און 1000 משפחות אין אַנדערע פאַכען. איך וואָלט געהאַלטען, זאָגט ווייצמאַן, פאַר אַ גרויס גליק, אַז אין די שפּעטערע 5 יאָהר זאָלען קענען איינוואַנדערען קיין ארץ-ישראל אַזוי-פיל יודען ווי די נאָהענטסטע 5 יאָהר. ד"ר ווייצמאַן ערקלעהרט אויך, אַז ער האַלט זיך אויך אינ'ם שטאַנדפונקט פון לאָרד מעלטשעט, אַז די ענגלישע רעגירונג גיט וועניגער ווי ס'קומט דעם יודישען ישוב.

די דעבאַטען איבער דעם אַרבייטס-פּלאַן פון דער אַגענץ

צ י ר י ך, 12 (י. ט. א. טעלעגראַפיש). נאָכ'ן רעפעראַט פון ד"ר ווייצמאַן האָבען זיך אָנגעהויבען די אַלגעמיינע דעבאַטען. דאָס ערשטע וואָרט נעהמט ד"ר פרענקעל, ניו-יאָרק (מיטגליד פון דער עקספּערטען קאָמיסיע). ד"ר פרענקעל לעגט פאָר בילדען אַ פינאַנץ קאָרפּאָראַציע, וועלכע זאָל זיך שטיצען אויף ארץ-ישראל. אונזער אַרבייט דאַרף זיך שטיצען אויף די ביזנעס-מעטאָדען. די דאָזיגע מעטאָדען זענען דער אידעאַליזם פון די נישט-ציוניסטען. ס'מוז אָפּגעשאַפט ווערען דער אָפּאָרטוניזם פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט געלעבט נאָר פון געלד-זאַמלונגען. מיר ווילען נישט טון קיין פילאַנטראָפּישע אַרבייט, נאָר שטיצען זיך אויף געשעפטס מעטאָר, די פינאַנץ-קאָרפּאָראַציע דאַרף דיספּאָנירען מיט אַ סומע פון 10 ביז 15 מיליאָן דאָלאַר. די ערשטע 2 פּראָבלעמען, וועלכע די אַגענץ דאַרף תיכף ערלעדיגען איז 1) שאַפען אַ באָדען-רעזערוו און 2) אינטענסיוו ענטוויקלען די אינדוסטרי קודם-כל טעקסטיל, אָראַנזשען מינעראַלען און טוריסטיק.

דער ערשטער מיליאָן דאָלאַר אויף אינוועסטיציע-אַרבייט

צ י ר י ך. 12 (י. ט. א. טעלעגראַפיש) אויף דער היינטיגער זיצונג פון דער אַגענץ, נאָכ'ן פערענדיגען זיין רעדע האָט ד"ר פרענקעל ערקלערט, אַז ס'איז שוין פערהאַן דער ערשטער מיליאָן דאָלאַר פאַר אינוועסטיציע-אַרבייט אין ארץ-ישראל. אַ האַלב מיליאָן דאָלאַר האָט געגעבען פעליקס וואַרבורג און אַ האַלב מיליאָן דאָלאַר לאָרד מעלטשעט. די דאָזיגע ידיעה האָט אַרויסגערופען אַ שטורם פון אַפּלאָדיסמענטען. נאָך אַ גרעסערע בעגייסטערונג האָט אַרויסגערופען די ערקלערונג פון ד"ר פרענקען, אַז די ציפערען פון בודזשעט, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרען דורך דעם ציוניסטישען קאָנגרעס זענען פיל צו קליין.

אוקראַינישע פּויערים בעפּאַלען יוד. קאָלאָניסטען

די כוליגאַנעם ווערען געשטעלט פאַר אַ געריכט

מ אָ ס ק ו ע, (יט"א) ווי עס ווערט מיטגעטיילט האָבען די יודישע קאָלאָניסטען פון דער קאָלאָניע נומער 3 אין זאַפּאָראָזשע איבערגעלעבט אַ פּאָגראָם-אָנפאַל פון אַרומיגע אַנטיסעמיטישע פּויערים.

אַ גרופּע שכנישע אוקראַינישע פּויערים, וואָס זענען גענויט אויסצופירען דערפון, וואָס זייער ערד האָט מען אַוועקגעגעבען צו די יודישע איבערוואַנדערער, זענען בעפאַלען די יודישע קאָלאָניסטען, און האָבען געמאַכט אַ תל פון זייערע הייזער און פון זייער פערמעגען. זיי האָבען צעבלוטיגט פיל יודישע פּויערים און זיך צעלאָזט אויף אַנ'עכט-כוליגאַנישען שטייגער.

איידער דער אָנפאַל איז פאָרגעקומען, האָבען די פּויערים אַרויפגעשיקט זייערע פערד אויף די יודישע פעלדער און פערניכטעט די יודישע תבואה. דאָס אַלץ איז געטון געוואָרען אָפען, און סיי דער פאָרזיצער פון דעם ראַיאָן-סאָוויעט, סיי דער הויפּט פון דער ראַיאָן-מיליציע האָבען וועגען דעם געוואוסט און קיין מיטלען נישט אָנגענומען.

די אויספאָרשונגס-מאַכט, וואָס איז איצט אַרויס געפאָהרען אין דער געליטענער קאָלאָניע האָט דער פאַר באַשלאָסען צוציהען צום געריכט. נישט בלויז די שולדיגע פּויערים, נאָר אויך דער פאָרזיצער פון ראַיאָן-סאָוויעט און דער ראַיאָן-שעף פון דער מיליציע. די אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט, אַז די פּויערים, וואָס האָבען געמאַכט דעם אָנפאַל זענען אַלע גוואָלד. אַנטיילנעמערס פון מאַכנא'ס פּאָגראָם-באַנדעס, און זיי האָבען די גאַנצע צייט אָנגעפיהרט אין די אַרומיגע דערפער און אָפענע פּאָגראָם-אַגיטאַציע, שוין זייענדיג אונטער דער סאָוויעטישער מאַכט. דער פּראָצעס פון די שולדיגע וועט פאָרקומען אין די נאָהענטסטע טעג אין דער שטאָט זאַפּאָראָזשע.

די פּרעמיע — דאָס בוך פון עריך מאַריא רעמאַרק
„אויפ'ן מערב-פראָנט קיין שום נייעס"
האָבען געוואונען די פאָלגענדע לעזער פון „נייעם פאָלקסבלאַט":

1) מאָריץ גאָלדבערג. מאַרגאָווע 38
2) סאַבאַצקי, מלינאַרסקא 2.
3) ש. קייזאָווסקי, זגערזשער 38.
4) ש. גראַנעק, קאַמיענגא 7.
5) י. האַבערמאַן, זאַוואַדזקא 29.
6) ישראל נאַוואַק, וואָלטשאַנסקא 161.
7) ע. נאַפּטאַלעוויטש, דרעוונאָווסקא 4.
8) מ. ליפשיץ, סקלאַדאָווע 16.
9) פּרושינאָווסקי, שענקעוויטשא 39.
10) פ. פּוטערמאַן, אַגראַדאָווא 20.
11) ס. אַבראַמזאָן, בושעזשינער 47.
12) נ. צוקערמאַן, קאָנסטאַנטינער 48.
13) מ. גאָלבאַרד, קילינסקי 23.
14) ה. צוויגענבאַך, וואָלבאָרסקא 18.
15) יוסף דוד ראַפּאַפּאָרט, ווסכאָדניאַ 33.
16) אַבע קאָרן, טאַרגאָווא 41.
17) ה. רייכענבערג, זאַוואַדזקא 20.
18) ל. ט-אן, פראַנציסקאַנער 28.
19) י. ראָזענצווייג, ווסכאָדניאַ 22.
20) מאַניאַ פאַנסקא, זיעלאָנא 34.
21) מ. לענציק. צעגעלניאַנאַ 11.
22) א. דימאַנט, זשגאָווסקא 72.
23) ש. הערשקאָוויטש, 6 שערפּיען 42.
24) אַפּאַטאָווסקי, סאָלנאַ 5.
25) מינץ, פּאָמאָרסקא 40.
26) שאַמעס, צעגעלניאַנאַ 50.
27) מ. עפּשטיין, זאַוואַדזקא 49.
28) א. וואַרשאַווסקי, פּאָלודניאָווע 20.
29) בראַנשטיין, ציגעל-גאַס 19.
30) זיידעמאַן, אַל. קאָשטשוקי 3.

דאָס בוך איז אָפּצונעהמען אין אדמיניסטראַציע פון אונזער צייטונג. פּיעטריקאָווער 21, טעגליך פון 10 ביז 2 מיטאָג.

Kino Spółdzielni
Sienkiewicza 40.
אָנהויב אין געוו. טעג 4 נאָכמ. שבת, זונטאָג און יו"ט 2 נאָכמ., לעצטער סעאַנס 10 אָוו. אויפ'ן 1. סעאַנס – פּרייזען פערקלענערט
קינאָ אין גאָרטען

היינט און פאָלג. טעג!
די ליבע פערבלענדעט
וואונדער-שעהנע טראַגי-קאָמעדיע מיט'ן אָנטייל פון די בערימטע קינסטלער
Lil Dagover, Liljan Hall Davis, Konrad Veidt i Emil Jannings
דער נעכסטער פּראָגראַם: „6 מיידלעך זוכען אַ נאַכט-לעגער" מיט JENNY JUGO אין דער הויפּטראָלע

קינאָ-טעאַטער
ZACHĘTA
זגערזשער 26, ביים פּלאַץ קאָשטשעלני
פערשטאַרקטער אָרקעסטער.
דער זאַל ווערט מעכאַניש ווענטילירט.

היינט און פאָלג. טעג!
גרויסע פּרעמיערע!
וואָרילטעטער (Dobroczyńca)
שוידערהאַפטע דראַמע אין די הויפּט-ראָלען:
Rudolf Schildkraut i Bessie Love
דער נעכסטער פּראָגראַם: „מאַנדאַריז וואַן" מיט LON CHANEY דער נעכסטער פּראָגראַם:

13 אויגוסט 1929

„נייער פאלקסבלאט“

13 אויגוסט 1929

10 יאהר קאנסטיטוציע אין דייטשלאנד

דאס רעפובליקאנישע און דעמאקראטישע דייטשלאנד פייערט דעם יאהרטאג פון דער נייער דייטשער קאנסטיטוציע, וועלכע איז אנגענומען געווארען אין אנהויב אויגוסט 1919 דורך דער נאציאנאל־פערזאמלונג אין וויימאר.

די ארבייט איבער דער שאפונג פון דער נייער קאנסטיטוציע האט זיך אנגעהויבען באלד נאך דער נאוועמבער־איבערקעהרעניש. פרעזידענט עבערט האט איינגעלאדען אויפ׳ן פאסטען פון אינערן־מיניסטער דעם געלעהרטען מלוכה־מאן, פראפ. הוגא פרייס, וועלכען ס׳איז אויסגעקומען פיל צו ליידען אין די אפיציעלע אוניווערזיטעט־קרייזען צוליב זיין יודישער אפשטאמונג און לינקע איבער־צייגונגען. פראפ. פרייס האט בעקומען דעם אויפטראג אויסצואַרבייטען א פראיעקט פון א רעפובליקאנישער קאנסטיטוציע. פראפ. פרייס האט די אויפגאבע מיט ערפאלג אויסגעפיהרט, און דער פראיעקט פון דעם יודישען געלעהרטען איז געווארען די קאנסטיטוציע פון דער נייער דייטשער מלוכה.

אין יסוד פון דער דייטשער קאנסטיטוציע ליגען דריי פאליטישע אידעען: די אידעע פון דער דעמאקראטיע, די אידעע פון פעדעראציע און די אידעע פון א סאציאלער מלוכה. בעת די אלטע דייטשע קאנסטיטוציע, וועלכע איז אויסגעארבייט געווארען נאך פון ביסמארק׳ן אין יאהר 1871, איז געווען אן׳אפמאך פון ווייטע מאיעסטעטען, דעם קעניג פרייסען, דעם קעניג פון ברעמען, זאקסען א. א. וו. — די ווייטמארער קאנסטיטוציע — אזוי ווערט גע־זאגט אין איהר ערשטען פונקט — איז א אויסדרוק פון פאלקס־ווילען, דאס ארט פון קייזער האט פערנומען דער רייכס־פרעזידענט, וועלכער ווערט אויס־געקליבען דורכ׳ן גאנצען פאלק. דער פרינציפ פון אלגעמיינעם וואהל־רעכט איז גילטיג נישט נאר ביי די וואהלען פון רייכסטאג, נאר אויך פאר די פארלאמענטען פון אלע בונדעסלענדער. די רעגירונג איז פעראנטווארטליך פאר׳ן רייכסטאג, און מוז געניסען פון זיין צוטרוי. עס ווערט צוגעלאזט א דירעקטע געזעצגעבונג דורכ׳ן פאלק אין דער פארם פון א רעפערענדום. די פרינציפען פון דעמאקראטיע זענען דורכגעפיהרט אין אלע געביטען פון דער צענטראל ער און אר־טיגער פערוואלטונג.

אויך לויט דער נייער קאנסטיטוציע איז דייטשלאנד א פעדעראטיווע מלוכה. יעדעס פון די לענדער, וואס געהערען צו דייטשלאנד — פרייסען, זאקסען, בייערען א. א. וו. — האט זיין פארלא־מענט, זיין רעגירונג מיט אַרוּיס איינענע געזעצען און קאן אין פיל הינזיכטען פיהרען אן׳איינענע פאליטיק. אבער דאס היינטיגע דייטשלאנד איז מעהר צענטראליסטיש, ווי דאס אלטע ביסמארקישע, די צאהל „לענדער“ איז פערקלענערט געווארען פון 26 אויף 18. א רייה וויכטיגע געביטען פון מלו־כה־פערוואלטונג און מלוכה־ווירטשאפט זענען אריבער צו דער צענטראלע רעגירונג, ווי פינאנצען, באהנען אד.ג.ל.

ענדליך די דריטע אידעע — די אידעע פון א סאציאלע מלוכה. אין די קאנסטיטוציע ווערען אויסגערעכענט די גרונד־רעכט און גרונד־פליכטען פון בירגער. די קאנסטיטוציע היט אפ דאס פרי־וואט־אייגענטום, אבער דער אייגענטימער איז מחויב זיך צו בענוצען מיט זיין אייגענטום פאר׳ן אל־געמיינעם וואויל. די קאנסטיטוציע אנערקענט פאר די בירגער דאס רעכט אויף ארבייט, אויף ביל־דונג, סאציאלע פערזיכערונג, פיהרט איין מלוכה־פערזיכערונג פון מוטער און קינדער א. א. וו.

די ווייטמארער קאנסטיטוציע האט ביז׳ן היינ־טיגען טאג פיל געגנער, און נישט אלע אין דייטש־לאנד פייערען איהר יובילעי. אבער אין דער אפאָ־זיציע איז שולדיג נישט די קאנסטיטוציע, נאר די בעציהונגען, אין וועלכע דייטשלאנד האט זיך גע־פונען נאכ׳ן קריג. מיט איהר קאנסטיטוציע אלס אויסדרוק פון די דעמאקראטיש־רעפובליקאנישע פרינ־ציפען קאן דייטשלאנד געוועצליך שטאלצירען.

ב. ר.

די צוויי געניאלע פריינד

משה מענדעלסאָן און עמאנועל קאנט

נייע אינטערעסאנטע פרטים, צו דעם 200־יעהריגען געבורטס־טאג פון מענדעלסאָן

די אלטע מזרח־פרייסישע שטאט קעניגסבערג, איז געווען משה מענדעלזאהנס צווייטע היימאט־שטאט. אין קעניגסבערג האבען זיך אויך קאנ־צענטרירט די בעדייטענדסטע משכילים פון די רוסי־שע פראווינצען און דא זענען צום ערשט איינגע־פיהרט געווארען מענדעלזאהנ׳ס רעפרמאציאנס־בעשטרעבונגען.

א זעהר גרויסע השפעה אויף מענדעלזאהנען האט, ווי בעקאנט, געהאט דער בעריהמטער דייטש־ער פילאזאף קאנט. וועלכער האט געהאט זיין פילאזאפישע אקאדעמיע אין קעניגסבערג און פון אלע טיילען פון די דייטשע פראווינצען זענען די בעדייטענדסטע געלעהרטע געקומען קיין קעניגס־בערג, כדי צו הערען תורה פון קאנט׳ן. שוין אלס א יונגערמאן פון עטליכע און דרייסיג יאהר איז מענדעלזאן געווען אין ענגער וויסענשאפטליכער קאר־רעספאנדענץ מיט קאנט׳ן און מיט אנדערע גרוי־סע דייטשע געלעהרטע, אלס 34־יעהריגער, האט ער אויפ׳ן פערזענליכען פערלאנג פון מארקיז דאר־זשענס, דער פילאזאפישער פארטראגענדער ראט פון פרייסישען קעניג פרידריך 2, ד. 12 יולי, 1763 דערהאלטען א קעניגליכע מתנה — שוץ־פריווילעגיע פאר זיך און זיינע קינדער, צו קענען פריי און אונ־געשטערט וואוינען אין די גרעניצען פון דער מלוכה.

ד. 24 יולי 1777, איז משה מענדעלסאן געקו־מען צום ערשטען מאל קיין קעניגסבערג, כדי זיך פערזענליך צו בעקענען מיט זיין גרויסען חבר קאנט. דעם אינטערעסאנטען הערצליך־פריינדליכען צוזאמענטרעפען פון די צוויי גרויסע גאונים, שיל־דערט קאנט׳ס דעמאלדיגער תלמיד און שפעטער דער גרויסער דייטשער געלעהרטער פראפ. אויגוסט לעוואלד אויף פאלגענדען אופן:

א נידריגער בעוואקסענער מאן מיט א שפי־ציג בערדעל און מיט א גרויסען הויקער איז פלוצ־לינג, אונבעמערקט פון די סטודענטען, אריינגע־קומען אין גרויסען זאל פון דער פילאזאפישער אקאדעמיע, וואו קאנט האט געהאלטען זיינע פאר־טראגען, ער איז צו ערשט געשטאנען נעבען דער טיר און דערנאך זיך אוועקגעזעצט אין א ווינקעל. די פיגור פון דער אונבעקאנטער פערזאן האט ביי די סטודענטען ארויסגערופען א גרויס געלעכטער.

מען האט געשפאט און געלאכט. מען האט אפען איהם געגעבען אנצוהערען, אז דא איז נישט פאר איהם קיין פלאץ, אבער דער אונבעקאנטער איז געזעסען אויף זיין פלאץ מיט אן׳אייז־קאלטער רוהיג־קייט, אזוי ווי נישט איהם מיינט מען. דאך, אז מען האט איהם געפרעגט וועמען ער זוכט, האט ער געענטפערט, אז ער וויל רעדען מיט׳ן פראפעסאר קאנט. דאס געלעכטער איז גרעסער געווארען, נאר דערווייל איז קאנט אריינגעקומען און ער איז צו־געטרעטען צו זיין פארטראג.

אין מיטען פון זיין פארטראג האט קאנט בעמערקט, אז דער אונבעקאנטער, וואס זיצט אין ווינקעל ביי דער טיר, איז זיין אויפמערקזאמסטער צוהערער און פערשטעהט בעסער פון אלע זיינע סטודענטען. קאנט האט זיך דערפון עפעס פער־לוירען, געמאכט א פויזע און ער איז צו דעם אונבעקאנטען: קומענדיג נעהנטער, האט זיך קאנט אריענטירט, אז ער האט פאר זיך מענדעלזאנען און די צוויי גרויסע חברים זענען זיך געפאלען אין די ארימס. דערביי האט קאנט א־ויסגערופען: — „ווי הערצליך בעגריסט, גרויסער יודישער פי־לאזאף“!

קאנט האט שוין נישט אפגעלאזט מענדעל־זאן: אין די גאנצע וואכען, וואס ער איז געווען אין קעניגסבערג, איז ער געווען קאנט׳ס גאסט. די גרעסטע דייטשע געלעהרטע זענען זיך צונויפ־געקומען ביי קאנט׳ן צו פייערן דעם גרויסען גאסט.

אין דער קעניגסבערגער „געלעהרטע און ווי־סענשאפטליכע ציימונג“ פון 21 אויגוסט 1777, האט קאנט פערעפענטליכט א לענגערען ארטיקעל צו מענדעלזאנ׳ס בעזוך אין קעניגסבערג. דער אר־טיקעל איז געווען א לויב־געזאנג לכבוד דער גרוי־סער גאון מענדעלזאן. קאנט שרייבט אויך אין א בריף צו דעם יודישען געלעהרטען מארקוס הערץ אין בערלין, אז נאך מענדעלזאנ׳ס אוועקפאהרען פון קעניגסבערג, פיהלט ער זיך ווי פער׳יתום׳ט. אזא מענש מיט א ליכטיגען קאפ און א גוטער נשמה, געהערט צו די זעלטענהייטען. בעת איך האב פלוצ־לינג דערפיהלט, אז ער איז נעבען מיר — שרייבט ווייטער קאנט — בין איך ווי צומישט געווארען און איך האב געמוזט מיין פארטראג איבעררייסען.

מען קען זאגן, אז מיין קעניגסבערגער אוידיטאריע האט נאך ביי זיך נישט געהאט אזא צוהערער. קאנט האט נעבעטען זיין פריינד פראפ. הערץ, אז ער זאל ווייטער אכטונג געבען אויף מענדעל־זאנען, וועלכער איז אן׳אוצר פאר דער וויסענ־שאפט.

עס וועט אויך זיין אינטערעסאנט צו ברענ־גען א שילדערונג פון אן׳אנדערען קעניגסבערגער געלעהרטער פראפ. כריסטיאן יאקוב קרויז. ער שרייבט אין זיין טאג־בוך, „ביי אונז... האט די היינטיגע וואך געווילט א מענש, וואס האט ביי יעדען, וואס האט איהם געזעהען, און מיט איהם גערעדט, ארויסגערופען לייד און פרייד, לייד צו־ליב זיין קערפערליכער אויסזעהען און פרייד צוליב זיין גרויסען גייסט. איך האב איהם געזעהען אויף א קבלת־פנים, וואס איז לכבוד איהם געמאכט געווארען ביי דעם גרויסן עקסעלענץ גראף פאן קייזער־לינג. איך בין פארגעשטעלט געווארען פאר דעם גרויסען גאסט מענדעלסאן. מיר האבען נאך גע־רעדט א פאר ווערטער און איך האב געזעהען, אז פאר מיר שטעהט א וועלטענער געניוש. ער האט דעם עכטען תלמודישען וויץ, קלאהרען פערשטאנד, זעהר שארפזיניג, און מייסט שטענדיג צו געבען דעם ריכטיגען ענטפער אויפ׳ן ארט. מיט איהם מוז מען זיין אויפריכטיג — אויב מען וויל נישט פערדינען דעם אמת׳ן פסק.

די הערצליכע פריינדשאפט צווישען מענדעל־זאנען און קאנט׳ן האט אפגעהאלטען ביז מענדעל־זאן איז געשטארבען, דעם 4 יאנואר 1796. די שטאט קעניגסבערג איז געווען איינגעהילט אין א טרויער. די יודישע קהלה האט איינגעארדענט א טרויער־פערזאמלונג. וואו קאנט איז געווען דער הויפט־רעדנער. ער האט זיך מעהרערע מאל צע־וויינט, זאגענדיג, אז מען האט צוגענומען זיין גרוי־סען לעהרער און מייסטער.

אלס צייכען פון אכטונג און עהרען־אויסדרוק האט דער פרייסישער קעניג פרידריך 2 געגעבען מענדעלזאנס אלמנה אן׳עהרען־פריווילעגיע, בעפ־רייענדיג זי מיט מיט די קינדער פון אלע שטייערן.

ס. בוים.

דאס יודישע געטא אין קראקא

נייע און אלטע געטא. — „קאזימיעזש“. — דאס „חתונה־קברות׳ל“. — דער אלטער בית עלמין

די היינטיגע יודישע געטא אין קראקא איז פערהעלטניסמעסיג נישט בעזונדערס אלט. אויפ׳ן „קאזימיעש“, אדער, ווי יודען רופען עס: אויפ׳ן „קאזמארק“ וואוינען די יודען „ערשט“ פון יאהר 1495. ביז דעמאלט איז אין קאזימיעש, וואס איז געווען פריהער א בעזונדערע שטאדט, געווען נאר א קליינע עדה פון יודען; די קראקעווער יודישע בעפעלקערונג האט געוואוינט אין דער געטא, וואס איז געלעגען גראד דארט, וואו עס געפינט זיך היינט די „סיטי“, דער צענטרום פון דער שטאדט, וואו עס געפינט זיך היינט די אלטע „יאגעלאנישע“ אוניווערזיטעט (געגרינדעט דורך קעניג קאזימיר דעם „גרויסען“ אין יאהר 1364, אבער אויסגעבויט און פערגרעסערט דורך קעניג יאגיעלא) דארט וואו עס וואוינען היינט די פוילישע גראפען און שליאכטשיצעס, וועלכע עס חלומ׳ט זיך אודאי נישט, אז אויפ׳ן ארט, וואו זיי וואוינען היינט, זענען געזעסען יודען מיט לאנגע בערד און פאות.

דא, אין דער אלטער געטא, האבען יודען געהאט זייערע שולען און בית־עלמינ׳ס, זייערע איינענע שפיטעלער און — מקוואות. דא האבען זיי געלעבט, געפיהרט האנדעל און — געליטען. א סך אנגעליטען זיך!

ביז היינט איז א רעטעניש פאר די היסטא־ריקער: וואס איז עפעס איינגעפאלען דעם קעניג יאגיעלא גראד אויפבויען די ניי־געגרינדעטע אקאדעמיע דוקא אין סאמע מיטען פון דער יו־דישער געטא? האט ער געגלויט, אז די יודישע אטמאספערע פאסט אמבעסטען פאר אן׳אוניווער־זיטעט? — איינס איז נאר זיכער: אז דאס ארייג־קוועטשען פון די אוניווערזיטעט־בנינים אין מיטען פון דער אזוי־אויך ענגער געטא, האט געבראכט מיט זיך א שטענדיגע סכנה פאר יודען מצד די אויפגעהוגערטע סטודענטען, וועלכע האבען מיט א בייז אויג און מיט א ווילדער שנאה אין הארצען, געקוקט אויף זייערע יודישע שכנים. נישט זעלטען זענען די סטודענטען אנגעפאלען אויף יודען, זיי געשלאגען מכות רצח, גערויבט און נעפלינדערט. אלץ עפטער קומען פאר מורא׳דיגע פאגראמען, יודיש בלוט ווערט פערגאסען.

דעם קעניג, וואס זיצט אינ׳ם „וואוועל“ שלאס, איז די גאנצע זאך פשוט אומבעקוועם. יודען קומען צו איהם, בעקלאגען זיך, וויינען מיט ביטערע טרעהרען, — וואס טויג איהם דער גאנצער עסק? און ער גיט ארויס א גזירה: יודען מוזען פערלאזען קראקע און איבערטראגען זיך אויפ׳ן „קאזימיעזש“, וואס ליגט אויף דער אנ־דערער זייט פון טייך ווייכסעל.

אזוי ארום וויל דער קעניג פטור ווערען פון די יודען. ער וויל האבען מנוחה.

די יודען זאמלען צונויף זייער ביסעל ארימ־קייט, געזעגענען זיך מיט די קברי־אבות, וועלכע זיי מוזען איצט לאזען אויף הפקר מיט דער שול, פערגיסען טרעהרען, זאגען קינות, פאסטען, קלאגען, און וויינען.

עס העלפט אבער נישט, — עס איז דעם קעניג׳ס בעפעהל, מוז מען פאלגען.

די יודישע געטא בעקומט אנדערע בעלע־באטים. די יודישע הייליגקייטען ווערען נישט געשוינט: דעם בית־עלמין צוגראבט מען און מען בויט אויף איהם הייזער, אז קיין שפור זאל פון איהם נישט בלייבען. די שוהל ווערט איבער־געבויט פאר א ביבליאטעק, וועלכע עקזיסטירט נאך ביז׳ן היינטיגען טאג.

דער גירוש קראקע איז פארגעקומען אין יאהר 1495. דריי יאהר נאך דעם גרויסען און טראגישען „גירוש ספרד“, דריי יאהר נאך דעם, ווי קאלאמבוס האט ענטדעקט אמעריקע...

קעניג קאזימיר דער גרויסער, וועלכער שמ׳ט אלס יודענפריינד (די לעגענדע וועגען זיין יודישער געליבטער אסתר׳קע, איז אלגעמיין בע־קאנט), דער דאזיגער קעניג האט נישט ליב גע־האט די שטאדט קראקע. ער האט דעריבער גע־גרינדעט אויף דער אנדערער זייט פון טייך א שטאדט, וואס זאל קאנקורירען מיט דער הויפט־שטאדט. לויט זיין נאמען האט מען די נייע שטאדט גערופען „קאזימיעש.“ דא האבען זיך יודען אריבערגעטראגען נאכ׳ן גירוש קראקע. א יודישע געמיינדע איז שוין דא געווען פון לאנג אן. איצט האט דער נייער עמיגראנטען־שטראם געשאפען א גרויסע יודישע קהלה, וועלכע עקזיסטירט עד היום. נאך היינט שרייבט מען אין די כתובות און אין גט׳ן, און עס איז געשעהן אין „מתא קאזימיעש“ (שטאט קאזימיעש) און נישט אין קראקע, כאטש עס איז נאר א טייל פון דער שטאט און נישט א בעזונדער געמיינדע.

א מאדנע זאך: קאזימיר דער גרויסער האט אנגעהויבען בויען אין „זיין“ שטאדט אן׳אוני־ווערזיטעט, וועלכע ער האט געגרינדעט (איינע פון די ערשטע אוניווערזיטעטען אין אייראפע). ער האט אבער קוים געלייגט די פונדאמענטען, ווען ער איז געשטארבען. נאך זיין טויט האט מען אויפגעהערט צו בויען און ערשט שפעטער האט מען די אוניווערזיטעט איבערגעטראגען אין דער יודישער געטא, ווי מיר האבען שוין אויס־בען געשריבען. ווען די יודען זענען געווארען פערטריבען פון קראקע, האט מען פון דער שול געמאכט א ביבליאטעק פאר דעם יאגיעלאנישען קאלעדזש.

די יודען דאגעגען האבען אין קאזימיעזש אנגעטראפען די פונדאמענטען, וועלכע עס האט געלייגט דער קעניג כדי צו בויען די אוניווער־זיטעט. זיי האבען אפגעקויפט דעם פלאץ און אנגעהויבען בויען דארט א שוהל — די היינטיגע „אלטע שול.“

איז פון דער שוהל געווארען א ביבליאטעק און פון אוניווערזיטעט בנין — א שוהל.

וועגען אט דער שוהל איז כדאי א ביסעל מאריך צו זיין.

ס׳איז איינס פון די אינטערעסאנטסטע און שעהנסטע יודישע אלטערטימליכקייטען אין גאנץ אייראפע. געבויט אין גאטישען סטיל (שפעטער רענאווירט אין רענעסאנס־סטיל) דערמאנט זי א ביסעל די בעריהמטע אלט־ניי־שול אין פראג, זי איז אבער פיל גרעסער פון דער פראגער שול.

(ווייטער זעה 8־טע זייט).

Dr. med. H. Lubicz

צעגעלניאנא 43, טעל. 32=41

צוריקגעקעהרט.

ספעציאליסט פאר הויט, ווענערישע און מענער־שוועכע קראנקהייטען. היילונג מיט קווארץ־לאמפען (האר־אויספאל)

נעמט אן פון 8—10 און פון 5—8 אוונד.

DR. MED.

A. URYSON

אינערליכע קראנקהייטען

צוריקגעקעהרט.

נעהמט אן פון 3 ביז 5 נאכמיטאג.

Konstantynowska 20, telef. 35-85.

דאָס לאָדזשער לעבען

נייע פאָלקסבלאַט

13 דינסטאג — ז אב תרפ"ט

אויגוסט
זון-אויפגאנג 4.15
זון-אונטערגאנג 7.05

„ווי לאַנג וועט איהר נאָך דאָ וואוינען?"

מיט שווערע קלעפּ וויל מען צווינגען יוד. לעטניקעס זיי זאָלען פערלאָזען די זומערוואוינונגען

נעבען ווישניאַוועד־גורע איז פערהאַן אַ מקום, וואָס ווערט מחמת דוחק אָנגערופען זומער־וואוי־נונג. אין יאָהר־אײַן, יאָהר־אויס חור'ט זיך איבער די זעלבע געשיכטע: תחילת פריהלינג פאָהרען אַהין יודען, דינגען פאַר שווער געלד אויסגעלעדיגטע בודעס, וואו געוויינליך האַלט מען הינר און קעל־בלעך, און דאַן, אין משך פון זומער, כאַפּט מען פרישע לופט. פאַר דעם פערגעניגען צאָהלט מען דאָס שעהנע געלד, ווער גלייך בּיים דינגען, ווער אין ראַטעס, צו אויגוסט צו איז שוין דאָס דירה־געלד פאַר די זומער־וואוינונגען אָפּגעצאָהלט, און דעמאָלט וואָגען די פּאַלעבאַטים פון די הינער־בודקעס, אַז זיי האָבען שוין די ושירעס נענוג, און ס'איז שוין צייט זיי זאָלען זיך אָפּטראָגען צוריק קיין לאָדז. נאָר אַזוי ווי קיין געזעצליכע וועגען און מיטלען זענען נישטאָ די יודען פּטור צו ווערען, מאַכט מען עס פיל איינפאַכער; מ'שלאָגט די לעטניקעס אַזוי פיל און אַזוי טיכטיג ביז זיי טראָגען זיך אָפּ, ראַטעווענדיג זיך דאָס לעבען.

אַזוי איז געווען פאַראַיאָהרען, פאַר צוויי און פאַר דריי יאָהר, אַזוי איז עס אויך היי־יאָהר.

עהערנעכטען איז איבער'ן דאָרף געגאַנגען אַ יודישער לעטניק, איז צו איהם צוגעקומען אַ שייגעץ און מאַכענדיג אַנ'אָנשטעל, אַז ר'איז שיכור, האָט ער דעם יודען געפרעגט, ווען ער וועט זיך שוין פון דאָרף אָפּטראָגען. ביז דער יוד האָט בּעד וויזען צו געבען דעם שייגעץ אַ געניגע ענטפער־מאַציע, האָט ער אַריינגעכאַפּט אַ זעץ אין קאָפּ אַריין. ס'איז געוואָרען אַ טומעל, אַ מהומה, און דעם „שיכור'ס" חברים האָבען זיך גענומען לערנען מיט די לעטניקעס הלכות קאַלענדאַר. עטליכע יודען זענען שווער צושלאָגען געוואָרען, צווישען זיי די ה"ה גרשון ווייסבערג, דוד מאַנדעל און גרינשטיין. אַלע האָבען בעקומען לעכער אין קאָפּ און ה' ווייסבערג ליגט קראַנק צו בעט.

זאָל דאָס זיין אַ מוסר השכל פאַר די יודישע לעטניקעס, כאָטש אויפ'ן קומענדיגען יאָהר.

מערדער און אפעריסט

סענסאַציאָנעלע פּרטים ארום דעם מאָרד אויף וואַפּיענא גאַס

פאַ־וואָס קודריאַוצעוו האָט ערמאָרדעט דאָס מיידעל סאַבינא

(2) וועגען מאָרד אויף וואַפּיענא־גאַס 37, האָבען מיר שוין מיטגעטיילט אין נעכטיגען נומער פון אונזער צייטונג. איצט דערוויסען מיר זיך וועגען דעם פאָלגענדע סענסאַציאָנעלע פּרטים:

דער מערדער דער 27־יעהריגער מיכאַל קודריאַוצעוו האָט אָנגעגעבען אַלס מאָטיוו פון זיין בלוטיגען טאָט — אייפערזוכט. די אויספאָרשונג האָט אָבער בעוויזען אַט וואָס:

די ערמאָרדעטע 22־יעהריגע סאַבינא אַלעניק האָט געוואוינט מיט איהרע עלטערען, אין זייער הויז אויף דלוגאַשאַ־גאַס 39. אַ חוץ סאַבינאַ'ן האָבען די אַלעניאַקס נאָך אַ 14־יעהריגע טאָכטער — אַניעלאַ.

מיט עטליכע טעג צוריק, אין אַ פאַרמיטאָג, ווען סאַבינאַ אַלעניק איז געווען בעשעפטיגט אין גאָרטענדעל נעבען זייער הויז, איז צו איהר צוגעקומען עפּעס אַ יונגערמאַן און זיך בעמיהט מיט איהר צו פערפיהרען אַ געשפּרעך.

דאָס מיידעל האָט געענטפערט מיט האַלבע ווערטער. דער יונגערמאַן איז איהר עפּעס נישט געפעלען, האָט זי פאַר איהם מורא געקריגען. דער יונגערמאַן האָט צוגערעדט זי זאָל זיך טרעפען. זי האָט איהם אָפּגעזאָגט.

אויפ'ן צווייטען טאָג האָט זיך דער יונגערמאַן בעוויזען אין שטוב ביי איהרע עלטערען, האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס רייכער ערד־בעזיצער אין רוס־לאַנד, אַלס אַקאַדעמיקער, וועלכער אַרבּייט אין פּוילען וויסענשאַפטליך און זיך פאָרגעשטעלט מיט'ן נאָמען: קודריאַוצעוו. זיין וויזיט האָט ער ערקלערט דערמיט, וואָס סאַבינאַ איז איהם שטאַרק געפעלען געוואָרען און ער בעט וועגען איהר האַנד.

סאַבינאַס עלטערען האָבען געענטפערט, אַז זייער טאָכטער האָט שוין אַ חתן, וועלכער וויילט איצט אין גרודזשאַנז, און אַזוי, אַז קודריאַוצעוו האָט שוין דאָ נישט מעהר וואָס צו טוּן. די עלטערען האָבען איהם אויך געבעטען ער זאָל זייער טאָכטער צורוה לאָזען.

קודריאַוצעוו האָט אָבער סאַבינאַ'ן נישט צד־רוה געלאָזען און אין איינע טעג ארום ווידער גע־קומען און געבעטען וועגען אַ געשפּרעך. מען האָט איהם נישט אָנגענומען, דעמאָלט האָט קודריאַוצעוו ביים אַוועקגעהן געזאָגט:

„דאָס הויז וועט נישט אויסמיידען קיין קויל".

שבת איז קודריאַוצעוו ווידער געקומען מיט בלומען, וועלכע ער האָט געוואָלט געבען סאַבינאַ'ן. די עלטער'ען האָבען איהם צו דעם מיידעל נישט צוגעלאָזט. דאַן האָט ער אַוועקגעוואָרפען די בלומען און געזאָגט:

— אַזאַ בעליידיגונג וואַשט מען אָפּ מיט בלוט! סאַבינאַס עלטערען האָבען דערויף קיין אַכט נישט געלייגט. זיי האָבען געמיינט, אַז ער האָט עס געזאָגט אין הענערווירטען צושטאַנד און האָבען וועגען דעם נישט מיטגעטיילט דער פּאָליציי.

זונטאָג אינדערפריה האָט קודריאַוצעוו אָנ־געוואַרט די טאָכטער פון אַ שכן, אַ געוויסע קאַטיש, אַז זי זאָל אַרויסרופען סאַבינאַ'ן פון דער היים. סאַבינאַ איז ווירקליך אַרויסגעגאַנגען צו דער קאַטיש אויף לעטנע־גאַס 8, ווען זי האָט אָבער דאָרט דערזעהען קודריאַוצעוו'ן, איז זי אַנטלאָפען. קודריאַוצעוו האָט איהר נאָכגעיאָגט און געפרעגט, צי וועט זי ענדליך איהם נישט ליב בעקומען? זי האָט געענטפערט, אַז ניין! דאַן האָט ער איהר ווידער געדראָהט, אַז ער וועט זי דערשיסען.

זונטאָג פאַרנאַכט איז סאַבינאַ אַרויס מיט איהר חבר'טאָרין אַפּאָלאָניאַ גראַש אויף אַ שפּאַציר אין פּאַרק. אויפ'ן צוריקוועג, נעבען וואַפּיענאַ־גאַס נומער 37, האָט זיי אָנגעיאָגט קודריאַוצעוו, ער האָט זיך געווענדעט צו סאַבינאַ'ן, צי זי וועט מיט איהם חתונה־האָבען. זי האָט אויך דאַסמאָל גע־ענטפערט, אַז ניין. דאַן האָט ער אַרויסגעכאַפּט אַ רעוואָלווער און אויסגעשאָסען אין סאַבינען עטלי־כע מאָל גלייך אין האַרץ אַריין.

די דורכגעהער האָבען זיך באַלד געוואָרפען אויף קודריאַוצעוו'ן איהם געבינדען און אָפּגע־פיהרט אין קאָמיסאַריאַט, ווי עס האָט זיך אַרויסגע־וויזען איז מיכאַל קודריאַוצעוו 27 יאָהר אַלט, אַר־בייטעט אויף די שטעטישע פּלאַנטאַציעס אַלס נע־וועהנליכער אַרבּייטער. ער איז 3 מאָל געזעסען אין טורמע. איינמאָל 3 חדשים, דאָס צווייטע מאָל 7 חדשים און ערשט נישט לאַנג איז ער אַרויסגע־לאָזט געוואָרען פון טורמע, וואו ער איז אָפּגעזעסען 2 יאָהר פאַר פערשידענע מאַטריאַמאָניאַלע אַפּער־רעס. ער פלעגט אונטערן אויסרייד פון חתונה־האָבען אויסנאַרען געלד ביי נאַאיווע מיידלעך. מען האָט ביי איהם געפונען אַ לאַנגען צעטעל מיט נעמען פון פערמעגליכע פרויען און מיידלעך. די אויספאָרשונג וועט בעוויזען צי דאָס זענען די גע־וועזענע אָרער צוגעגרייטע קרבנות פון דעם אַפּער־ריסט און מערדער. אַ חוץ דעם איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז קודריאַוצעוו האָט אַ כלה אַ געוויסע לעאָקאַדיע אַ־אַמטשיק אויף ציגעל־גאַס 28.

דעם רעוואָלווער פון סיסטעם „בולדאָג" קאַ־ליבּר 765 האָט קודריאַוצעוו אַרויסגע'גנב'עט ביי זיינעם אַ בעקאַנטען פּאָליציאַנט.

די אומגליקליכע סאַבינאַ איז אָפּגעפיהרט גע־וואָרען דורך דער פּאַגאָטאָוויע אין שפּיטאָל, וואו זי איז אין משך פון אַ שעה צייט געשטאָרבען.

אויסגעשווינדעלט 300 זל. און ענטלאָפען

פערצווייפלונג פון אַ יודישען זקן, וועלכער קאָן צוליב זיין אָרימקייט נישט אַריין אין זקנים-הויז

אַ זעהר בכבוד'יגער עלטערער יוד, וועלכער איז יאָהרענלאַנג געווען בעשעפטיגט אַלס אָנגע־שטעלטער אין דער פירמע ש. לאַנדאַו (ווסכאָדניאַ 69) האָט לעצטענס צוליב עלטער־שוואַכקייט פערלוי־רען די אַרבּייטס־פעהיגקייט.

אַזוי ווי ר'איז עלענד, איינזאַם און האָט נישט קיין שום בני־בית, האָבען איינינע בעקאַנטע בע־שלאָסען איהם אַריינצוגעבען אין זקנים־הויז.

בכדי אָבער אויפגענומען צו ווערען אין זקנים־הויז, מוז מען איינצאָהלען אַ גרעסערע סומע געלד און דער דערמאָהנטער יוד איז אָבער אַ בלוט־אָרי־מאַן און קאָן בשום אופן אַזאַ סומע נישט צונויפ־שטעלען.

ממילא ברענגען די אַלע ביז־אַהעריגע לויפערני־שען און בעמיהונגען פון בעקאַנטע און קרובים נישט צו קיין שום רעזולטאַט און דער אַלטער פאַר־ניגעוויערעט זיך אַרום. ממש ווי אַ הינט אויף דער גאַס.

עמיץ פון זיינע קרובים, ווערענדיג אַליין שוין מיד פון אָנקלאַפּען כסדר די טירען פון די היגע כלל־טוער, האָט געשיקט נאָך דעם אַלטענס איינציגען זוהן, וועלכער געפינט זיך אין דייטשלאַנד. דער זוהן איז טאַקע געקומען און זיך ווייטער גענומען ווענדען צו פערשידענע איינפלוס־מענשען, אַז מען זאָל זיין אומגליקליכען פאָטער, ווי עס איז דאָך איינ־אָרדנען אין זקנים־הויז.

דערוויילע האָט זיך אָנגעהויבען אויסצולאָזען דאָס ביסעל געלד, וואָס דער יונגערמאַן האָט זיך אין משך פון זיין לאַנג־יעהריגער שווערער האָראָוואַניע אין די דייטשע קויהלען־גרובען, געהאַט אָנגעזאַ־מעלט.

די טעג האָט זיך צום פערצווייפעלטען יונגער־מאַן געוואָנדען אַ געוויסער פערשוין, וועלכער איז אונז אַגב גוט בעקאַנט מיט זיינע נישט לאַנג אָפּגע־טוּנקעלע מעשים אין אַ היגער אַרבּייטער־אינסטיטוציע און איהם פאָרגעלייגט זיין מיטהילף ביים איינאָרדנען דעם אַלטיטשקען אין זקנים־הויז.

ער אַליין האָט באמת נישט קיין דירעקטע פערבינדונגען מיט דער פערוואַלטונג פון זקנים־הויז. נאָר ער וועט ווירקען דורך זיינעם אַ פריינד אַ רעדאַקטאָר, וועמענס אינטערווענץ וועט זיכער האָבען אַ שנעלען ערפאָלג.

ער גופא וויל פאַר זיין טרחא כמעט גאָרנישט, ער וועט שוין טוּן די טובה זיין שול־קאָלעגע, דעם יונגענמאַן גלאַט אַזוי צוליב פריינדשאַפט, נאָר אַט פאַר'ן דאָזיגען רעדאַקטאָר דאַרף מען האָבען אייניגע הונדערט זלאָטים. ער איז דאָך נישט מחויב צו אינטערווענירען פאַר אַ פרעמדען אומזיסט.

קורץ מיט פערשידענע קאָמבּינאַציעס האָט דער פערשוין אַרויסבעקומען פון יונגענמאַן 3 הונ־דערט זל., כלומרשט פאַר'ן רעדאַקטאָר און איז מיט דעם געלד, פערשטעהט זיך, אין ערגעץ באַלד פערשוווּנדען געוואָרען.

דער פערצווייפעלטער יונגערמאַן וועגדעט זיך צו אונז ממש מיט טרערען אין די אויגען, אַז מען זאָל איהם העלפען אויסזוכען דעם אַפעריסט, וועלכער האָט ביי איהם אויסגענאַרט די לעצטע פאַר זלאָטים און איהם איבערגעלאָזט צוזאַ־מען מיט'ן אַלטען קראַנקען פאָטער, אָהן שום מיט־לען צום לעבען, אַזוי, אַז דער יונגערמאַן איז אין גרויס פערצווייפלונג.

אפּקלאַנגען פון דער בלוטיגער ליבּעס=טראַגעדיע אין אויטאָ

אין נעכטיגען נומער פון אונזער צייטונג האָבען מיר געבּראַכט די ידיעה וועגען דער בלו־טיגער ליבעס-טראַגעדיע, וועלכע האָט זיך אָבגע־שפּילט עהערנעכטען שפּעט אין אָוועגד אין אַ אויטאָ אויף רוג פּיעטרקאָווער און קאַראָלאַ, דער 21 יעהריגער וולאַדיסלאַוו פּיעטשאַק האָט מיט 5 קוילען שווער-פערוואונדעט זיין געליבטע די מאַניקורשיסטקע קאַרפּינסקאַ. ווי מיר דערוויסען זיך, איז קאַרפּינסקאַ אַ פערהייראַטע פרוי, 6 יאָהר נאָך דער חתונה, זי האָט געהאַט צוויי קינ־דער פון וועלכע איינס איז געשטאָרבען. מיט'ן מאַן האָט קאַרפּינסקאַ געלעבט נישט בשלום. אין דער פריזיר-אַנשטאַלט אויף פּיעטרקאָווער 189 האָט זי זיך בעקענט מיט פּיעטשאַק'ן. געליבּט מיט איהם אַ שטיקעל צייט און איהם פערטרויסט אויף דעם יונגענמאַן, מיט וועלכען פּיעטשאַק האָט זי געטראָפען אין דער טאַקסובקע, אַ געוויסען יאַן טשאַרנעצקי, אַ זוהן פון וועכטער פון הויז פּיעטרקאָווער 180. פּיעטשאַק האָט איהר פון לאַנג געדראָהט אַז ער וועט זי דערשיסען, און האָט זיין דראָהונג עהערנעכטען אויסגעפיהרט.

דער געזונד-צושטאַנד פון דער קאַרפּינסקאַ איז ווייטער זעהר אַ שווערער.

Dr. med. J. Lubicz
ORTOPEDA, Gdańska 28, tel. 41-46
קראַנקהייטען פון די ביינער, געלענקען,
פערקרימונגען פון די פלייצעס און גלידער.
אייגענע פּראַצאָווניע פון זעמטליכע אָרטאָפּעדישע
אַפּאַראַטען, ווי: וואַלאַדקעס אויף פּלאַטפוסען, קונסט־ליכע פיס, גאָרסעטען א. ז. וו. קאָנסולטאַציעס פון 5—7 אָוו.
צוריקגעקעהרט.

מען גרייט זיך שוין צו וואהלען

פון נייע מיטגלידער אין די שאַצונגס= און אַפּעלאַציע=קאָמיסיעס

(2) צום סוף פון היינטיגען יאָהר געהען אַוועק אַ העלפט פון די מיטגלידער פון די שאַ־צונגס- און אַפּעלאַציע-קאָמיסיעס אין ענין פון אומזאַץ-שטייער. די וואַהלען פון נייע מיטגלידער קומען פאַר לויט'ן אויפטראַג פון פינאַנץ-מיניסטע־ריום לויט אַ גורל. די קאַנדידאַטען-ליסטעס דאַרף אָפּגעגעבען ווערען אַמשפּעטעסטענס ביז דעם 1. אָקטאָבער 1929. ווי מיר דערוויסען זיך וועט די האַנדעלס קאַמער, אַלס אָרגאַניזאַציע, וואָס איז בערעכטיגט אָפּצוגעבען קאַנדידאַטען - ליסטעס, די דאָזיגע ליסטעס איבערגעבען דעם פּרעזעס פון דער פינאַנץ-קאַמער, צוליב דעם דאַרפען אַלע סוחרים פאַראיינען, וואָס זענען טעטיג אין לאָדז, איבערשיקען זייערע קאַנדידאַטען-ליסטעס אין דער אינדוסטריע- און האַנדעלס-קאַמער.

פערלעגענע שטאָטישע שטייערן

אינקאַסירט דער מאַגיסטראַט שטרענג איין

(מ) די שווערע פינאַנציעלע לאַגע פון דער שטאָט, האָט געצוואונגען דעם מאַגיסטראַט צו דער אינטענסיווער איינקאַסירונג פון די פערלע־גענע שטייערן. די דאָזיגע שטייערן בעטרעפען ביז'ן יאָהר 1929 9 מיליאָן זלאָטיס.

צוליב דער נויטווענדיגקייט פון איינקאַסירען די דאָזיגע שטייערן האָט די שטייער-אָפּטיילונג בעשטימט דעם לעצטען טערמין אויף צו מאַכען הנחות פאַר די שטייערן פון 1924, 1925, 1926 ביז'ן 15 סעפּטעמבער אויב די ליציטאַציעס זענען שוין בעשטימט געוואָרען אויף אַ פריהערדי־גען טערמין.

וואָס שייך די חובות אויף לאָקאַל-שטייער פון איין- און צוויי-שטוביגע אַרבּייטער-וואוינונ־גען, דאַרפען זיך די פּעטענטען ווענדען צו דער שטייער-אָפּטיילונג, וועלכער וועט דעלעגירען אַ קאָמיסיע, וואָס זאָל פעסטשטעלען דעם פערמע־גענס-צושטאַנד פון צאָהלער.

אַ פאַמיליע זיך פער'סמט מיט אַלט פלייש

(2) נעכטען אין אָוועגד האָבען די איינ־וואוינער פון פּאַדזשעטשנא 6 דערהערט פון דער וואוינונג פון דער פאַמיליע סטושאַלקאָוו שטילע קרעכצען. צוליב דעם וואָס אויפ'ן קלאַפּען אין טיר האָט קיינער נישט געעפענט האָט מען גערו־פען אַ שלאָסער, וועלכער האָט געעפענט די טירי די גאַנצע פאַמיליע סטושאַלקאָוו, וואָס בעשטעהט פון פראַנצישעק און וויקטאָריאַ און די 2 קינדער העלענא און וואַצלאַוואַ זענען געלעגען אויף דער פּאָדלאָגע, קאָרטשענדיג זיך אין שרעקליכע ווע־טאָגען. ס'איז אַרויסגערופען געוואָרען די פּאָגאָ־טאָוויע, וועלכע האָט פעסטגעשטעלט, אַז די גאַנ־צע פאַמיליע האָט זיך פער'סמט מיט אַלט חזיר-פלייש. 2 פון די פערסמטע האָט מען אָפּגעפיהרט אין שפּיטאָל.

אויטאָ-אָרגיעס

(וו) אויף עק זגערזשער און דאָלנאַ האָט אַנ'אויטאָ איבערגעפאָהרען דעם 10-יעהריגען עדוואַרד סטאַרטשיק. די פּאָגאָטאָוויע האָט דעם פערוואונדעטען יונגעל ערטיילט די ערשטע הילף.

ד"ר מעד. שמעון גאָלדינג
רענטגענאָלאָגישער גאַבינעט
9 פּאָלודניאָוואַ 9, טעל. 27-64
נעמט אָן פון $11^1/_2$ ביז $2^1/_2$ נאָכמיטאָג
און פון 7 – $8^1/_2$ אין אָוועגד.

ענטדעקט אַ גרויסע אַפּערע מיט פאַלשע וועקסלען

דער אַרעסטירטער אַפעריסט איז אַ ברודער פון דעם בעריהמטען וועקסעל פעלשער הערמאַן יאַקובאָוויטש, וועלכער איז מיט 2 יאָהר צוריק ענטלאָפען

דאָס פרעסע ביוראָ „פּאָלפּרעס" מעלדעט פון ווילנע: פאָלגענדער פעלשער אַפערע:

אין דער „ווירזוועער מאַנופאַקטור" האָט מען זייט אַ געוויסער צייט בעמערקט, אַז אין דער אָפּ־טיילונג אויסצוקויפען פּראָטעסטען ווערען פער־שוויגען פערשידענע וועקסלען. די דירעקציע האָט אַ לאַנגע צייט נישט געקאָנט ענטדעקען די גנבים, ביז ענדליך עס איז דעם פערגאַנגענעם פרייטאָג גע־לונגען צו קומען אויף די שפּורען פון אַ גרויסער פעלשער אַפּערע. דער ענין איז ענטדעקט געוואָ־רען אויף פאָלגענדען אופן:

אין דער אָפּטיילונג אויסצוקויפען פּראָטעסטען האָט געאַרבייט אַ געוויסער אַבראַם יאַקובאָוויטש, מיטט איניגע טעג צוריק איז ער געקומען צום דירעקטאָר פון דער אָפּטיילונג און ערקלערט, אַז ער האָט ענטדעקט אַ פּראָטעסט פון 67 זל. מיט אַ געפעלשטע אונטערשריפט. ווען מען האָט שפּע־טער געוואָלט דעם געפעלשטען וועקסעל איבערגע־בען דער פּראָקוראַטור האָט יאַקובאָוויטש ערקלערט, אַז מען האָט איהם דעם וועקסעל אַרויסגע׳גנב׳ט פון שיפלאַר. די זאַך איז געוואָרן זעהר פערדעכ־טיג, ווייל דער ראָזינער וועקסעל איז געווען דער איינציגער בעוויז. מען האָט אָנגעהויבען יאַקו־באָוויטש׳ן צו אָבסערווירען און דאָ האָט מען זיך דערוויסט, אַז ער האָט אַ פרוי מיט דריי קינדער. אָבער אַ חוץ דעם האָט ער נאָך אַ געליבטע, אַ געוויסע פריילין מאַרגאַליס, אויף וועלכער ער גיט אויס גרויסע סומען געלד. מען האָט ביי יאַקובאָ־וויטש׳ן אַדורכגעפיהרט אַ רעוויזיע און דאָ האָט מען געמאַכט אַ סענסאַציאָנעלע ענטדעקונג. מען האָט געפונען ביי איהם געפינען פערשידענע קאַמ־פּראָמיטירענדע מאַטעריאַלען.

יאַקובאָוויטש איז געוואָרן אַרעסטירט און אויף טער געוואָלט דעם געפעלשטען וועקסעל איבערגע־ער פלעגט אַרויס׳גנב׳ענען וועקסלען, אַרויפקלאַ־פען אַ ריכטיגען סטעמפּעל און פעלשען די אונטער־שריפט פון דער פירמע.

אויף דער אויספאָרשונג האָט יאַקובאָוויטש אָנגעגעבען, אַז אין דער אַפּערע זענען אויך פער־מישט צוויי זיינע קאָלעגען, אויך אָנגעשטעלטע פון דער פירמע. די צוויי אָנגעשטעלטע זענען אַרעס־טירט געוואָרען. די אויספאָרשונג האָט אָבער אַר־רויסגעוויזען זייער אומשולד און זיי זענען באַלד בע־פרייט געוואָרען.

אַבראַם יאַקובאָוויטש איז אַרעסטירט געוואָ־רען. עס איז אויך אַרעסטירט געוואָרען זיין גע־ליבטע פריילין מאַרגאַליס, וועלכע ווערט בעשול־דיגט, אַז זי האָט איהם מיטגעהאָלפען אין דער פעלשער אַרבייט.

ווי די אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט איז אַבראַם יאַקובאָוויטש אַ ברודער פון דעם בעריהמ־טען וועקסעל־פעלשער, הערמאַן יאַקובאָוויטש, וועל־כער האָט מיט צוויי יאָהר צוריק צוזאַמען מיט אַ געוויסען קאָוואַלסקי געפעלשט אויף אַ גרעסערע סומע וועקסלען און איז דאַן אַנטלאָפען. קאָוואַל־סקי ראַנגעגען זיצט נאָך ביז היינט אין טורמע.

די ווירזוועער מאַנופאַקטור שאַצט אָפּ דעם היזק אויף הונדערט טויזענד זלאָטים.

נעכטיגע רינג־קאַמפען אין צירק

די נעכטיגע רינג־קאַמפען אין צירק האָבען געטראָגען זעהר אַ שטורמישען כאַראַקטער.

די סענסאַציע פון טאָג איז געווען, דער קאַמף פּאַשאַף—שוואַרצע מאַסקע, וועלכע האָבען געדאַרפט קעמפען ביז צו אַ רעזולטאַט.

אין דער ערשטער פּאַר האָבען געקעמפט פינעצקי—נאַרקאַוויענקאָ. דער לעצטער איז זעהר פּאַרזיכטיג, בכדי זיך נישט אַריינצוקריגען אין פּי־נעצקים מערדערישען נעלסאָן. דער קאַמף בלייבט נאָך 20 מינוט אומענטשידען.

דער קאַמף פּאַשאַף—שוואַרצע מאַסקע איז די גאַנצע צייט געפיהרט געוואָרען מיט דעם איבער־געוויכט פון פּאַשאַפ׳ן. די שוואַרצע מאַסקע פיהרט אָבער דעם קאַמף זעהר ברוטאַל און שלאָגט כסדר פּאַשאַפ׳ן. דאָס פיהרט ענדליך פּאַשאַפ׳ן אַרויס פון געדולד און ער כאַפּט די שוואַרצע מאַסקע און שליידערט איהם אַריין אין פּובליקום. די שוואַר־צע מאַסקע ליגט איניגע סעקונדען אַ צובלוטיג־טער און קען זיך נישט ריהרען. דערביי האָבען איניגע פרויען גע׳חלש׳ט. אַ פּנים די ראָזיגע לעק־ציע איז פאַר דער שוואַרצער מאַסקע נישט געווען גענוג און ער שלאָגט ווייטער פּאַשאַפ׳ן. פּאַשאַף איז איהם אַ צווייט מאָל מכבד מיט אַ שליידער אין פּובליקום. דער קאַמף בלייבט אָבער ווייטער אָהן רעזולטאַט און מען נעהט איבער אויף פּונקטען. דער עולם פּראָטעסטירט אַפילו און שרייט, אַז מען זאָל ווייטער קעמפען ביז צו אַ רעזולטאַט, אַ טייל פון פּובליקום פערלאָזט אַפילו דעמאָנסטראַטיוו דעם צירק. דער קאַמף ווערט ווייטער געפיהרט און פערענדיגט זיך מיט 4:3 לטובת דער שוואַרצער מאַסקע, וועלכע בעקומט אויך די פּרעמיע פון 100 זלאָטים.

אין דער לעצטער פּאַר האָבען געקעמפט שטי־באַר—מיכאַעלים. נאָך 12 מינוט בעזיגט שטיבאַר מיכאַעלים׳ן.

היינט, דינסטאָג, קעמפען שוואַרצע מאַסקע—פינעצקי. דאַן דער ענטשיידענער קאַמף נאַרקאַוו־יענקאָ—ווילינג און דער רעוואַנש־קאַמף שטעקער—פּאַשאַף. לויט דער אַרויספאָדערונג פון שטעקער׳ן.

7

ווער איז די שוואַרצע מאַסקע?

דער אַטלעט הייסט ______

______

נאָמען און אַדרעס פון טרעפער ______

______

טעלעגראַמען

יובילעאום־אויסגאַבע פון משה מענדעלסאָנ׳ס געזאַמעלטע ווערק

בערלין (י.ט.אַ.) דער קאָמיטעט, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַן׳אויפגאַבע דורכצו־פיהרען די יובילעאום־אויסגאַבע פון משה מענ־דעלסאָנ׳ס געזאַמעלטע ווערק, צו זיין 200 יעה־ריגען געבורטס טאָג, וואָס פאַלט אויס אין יאָהר 1929, טיילט מיט, אַז צום יובילעאום־טאָג וועלען ערשיינען די ערשטע 3 בענד פון דער זאַמלונג און שפּעטער וועלען ערשיינען יעדעס יאָהר צו דריי נייע בענד. די גאַנצע אויסגאַבע וועט ענט־האַלטען 16 בענד אין דער דייטשער און העב־רעאישער שפּראַך. יעדער באַנד צעהלט 500 זיי־טען גרויס־אָקטאַוו. די אויסגאַבען וועט ענטהאַל־טען חוץ די שוין לאַנג־פערעפענטליכטע און שוין איצט אויסגעשעפּטען ווערק פון מענדעלסאָן אויך אַ רייה אַרכיוואַלע, נאָך נישט פערעפענטליכטע שריפטען ווי אויך אַ זאַמלונג פון זיינע בריף. די בעזונדערע ווערק און זאַמלונגען וועלען זיין פער־זעהען אין געהעריגע איינלייטונגען און אויפקלע־רונגען. צום אויסגאַבע־קאָמיטעט געהערען פּראָפ׳ זאָנענהיים, פּראָפ. עלבאָגען, פּראָפ נוטמאַן און דירעקטאָר אָסקאַר וואַסערמאַן.

ציהונג פון דער 19-טער מלוכה־לאָטעריע

2-טע קלאַס, 4-טער טאָג

20.000 זל. — 89402

10.000 זל. — 83363.

5.000 זל. — 155599.

2.000 זל. — 99317 177606.

1.000 זל. — 165748 169071.

800 זל. — 6270 46610 72354.

600 זל. — 8361 17779 35070 41387 41609 46244 62271 78806 104204 108540 145048 149398.

500 זל. — 8015 12692 15251 15380 15909 43108 43144 45645 60910 67836 67874 68527 81133 83066 90094 98607 107303 114780 134383 146592 173601

איבערפאַהרען דורכ׳ן טראַמוויי

(2) פאַר׳ן טויער אויף נאַפיורקאָווסקא 30 איז איבערגעפאָהרען געוואָרען דורכ׳ן טראַמוואַי העלענא קאַלאַטשקאָווסקא פון סלאָוויאַנסקא 18. די פּאַגאָטאָוויע האָט די פערוואונדעטע אָפּגעפירט אין שפּיטאָל.

אויף קילינסקי גאַס איז איבערגעפאָהרען געוואָרען דורכ׳ן טראַמוואַי עליאַש ליפּאָוויטש פון זגערזשער 76. די פּאַגאָטאָוויע האָט איהם אָפּגע־פיהרט אַהיים.

בלוטיגע אָנפאַלען

(2) אויף גאַיאָווע 16 איז בעפאַלען געוואָ־רען עדמונד שטורזשעני און בעקומען עטליכע וואונדען מיט אַ באַגנעט אין ברוסט. די פּאַגאָטאָ־וויע האָט איהם ערטיילט הילף.

אַ צווייטער אָנפאַל איז פאָרגעקומען הינטער לאַנגובעק. דער לאָדזער איינוואוינער סטאַניסלאַוו באַרטאָשעק, מאַרישינסקאַ 16, איז בעפאַלען גע־וואָרען דורך עטליכע אומבעקאַנטע מענשען, וועל־כע האָבען איהם געמאַכט עטליכע וואונדען מיט אַ שאַרף געוועהר. די פּאַגאָטאָוויע האָט דעם פערוואונדעטען אָפּגעפיהרט אין אַ שווערען צו־שטאַנד אין שפּיטאָל.

אין אַנדרעספאָל איז בעפאַלען געוואָרען דער 19-יעהריגער אַדאַם בעקער פון לאָדז, סקלאַ־דאָווע 28. אַ צושטאָכענעם מיט מעסערס האָט מען בעקער׳ן געבראַכט אויפ׳ן לאָדזער פאַבריקס־באַהנהויף פון וואַנען די פּאַגאָטאָוויע האָט איהם אָפּגעפיהרט אין שפּיטאָל.

היינט — אַ אָשיד־פאָרשטעלונג פון די „ווילנער"

נאָך 2 וואָכען גאַסטראָלירען אין לאָדז שפּילען היינט די ווילנער אין לאָדז צום לעצטען מאָל און פערלאָזען אונז ווער ווייסט אויף ווי לאַנג.

שוין לאַנג האָבען מיר אין לאָדז נישט גע־האַט קיין געלעגענהייט צו זעהען אַ קינסטלערישען יודישען טעאַטער, וואָס מ׳זאָל איהם קענען פער־גלייכען מיט די טעאַטערס ביי די אומות העולם. אַ יודיש טעאַטער, צו וועלכען מ׳זאָל קענען צו געהען מיט אַן אָביעקטיווער כאָט און צו וועלכען מ׳זאָל קענען שטעלען פאָדערונגען, אויסדריקען פער־לאַנגען.

די פיר וואָכען, וואָס די ווילנער האָבען דאָ פערבראַכט ביי אונז אין לאָדז האָבען אַלע פריינד פונ׳ם יודישען טעאַטער אָנגעפילט מיט אמת׳ער פרייד און גענוגטוס. ס׳איז דאָך פערהאַן אַ יודיש טעאַטער און ס׳זענען דאָ אָביעקטיווע און סובּ־יעקטיווע מעגליכקייטען, אַז אַ בעסער יודיש טעאַ־טער זאָל ביי אונז עקזיסטירען.

צום בעדויערען האָבען די ווילנער נישט בע־קומען די מעגליכקייט זיך איינצואָרדנען אויף ווינ־טער אין לאָדז. הגם סיי די לאָדזער יודישע געזעל־שאַפט און סיי די „ווילנער" וואָלטען פון דעם גע־ווען זעהר צופרידען.

באין ברירה הויבען אָן די ווילנער ווייטער צו וואַנדערען און היינטיגען דאָנערשטאָג שפּילען זיי שוין אין טאָמאַשאָוו.

ס׳וואָלט געווען אַ יושר, אַז זיי זאָלען אויסנוי־צען דעם מאָרגענריגען אָווענד און אויב נישט אַ פאָרשטעלונג איינאָרדנען כאָטש אַ רעציטאַציע־אָווענד.

געזעגענדיג זיך מיט אונזערע געסט זאָגען מיר זיי: אויף ווידערזעהן בקרוב.

היינט שפּילען די ווילנער צו די אָפּשידס־פאָר־שטעלונג „קדוש השם" פון שלום אַש אין דער אינ־סצעניזאַציע פון ד״ר ווייכערט.

פון יודישען טעאַטער אין פילהאַרמאָניע

אין יודישען טעאַטער אין „פילהאַרמאָניע" ווערט היינט, דינסטאָג, אויפגעפיהרט צום צווייטען מאָל „די גנבים" פון בימקאָ.

פון געריכט

געשאָסען פון אונפאָרזיכטיגקייט

(11) ווי מיר האָבען מיטגעטיילט מיט אַ פּאָר וואָכען צוריק, האָט דער איינוואוינער פון דאָרף סולאַיעזשיצע — כרושטשינסקי אַנטאָני, אין דער וואוינונג פון זיין כלה אונפאָרזיכטיג אויס־געשאָסען פון אַ רעוואָלווער און געטראָפען זיין ברודער אַדאַם כרושטשינסקי אַזוי, אַז דער לעצ־טער איז אין אַ פּאָר שעה אַרום געשטאָרבען.

עהערנעכטען איז פאָרגעקומען דער פּראָצעס געגען אַנטאָני כרושטשינסקי. דאָס געריכט האָט איהם פערמשפט אויף 3 חדשים טורמע.

פּראָצעס ביי פערמאַכטע טירען

פערגוואַלדיגט אַ פרוי אין וואַלד

דאָס קרייז־געריכט, אונטערן פאָרזיץ פון ריכטער שטיינמאַן און ביי דער אַסיסטענץ פון די ריכטער מויער און ווילעצקי, האָט בע־האַנדעלט דעם פּראָצעס געגען דעם 28-יעהריגען בראָניסלאַוו וויטאָשיק, וועלכער איז בעשולדיגט אין פערגוואַלדיגען אין וואַלד די זגערזשער איינ־וואוינערין, די 42 יעהריגע אַננאַ לאַבאַדאַ. דער פּראָצעס איז פאָרגעקומען ביי פערמאַכטע טירען. וויטאָשעק איז פערמשפט געוואָרען אויף 3 חדשים טורמע.

ראַדיאָ־פּראָגראַם

דינסטאָג, 13 אויגוסט

12.05 וואַרשאָ: קאָנצערט פון גראַמאָפאָן־פּליטעס. 16.30 וואַרשאָ: קינדער - פּראָגראַם. 17.25 וואַרשאָ: אַ פאָרלעזונג א. ד. ט. „אינטער־נאַציאָנאַלע אויפטריטען פון דער פּוילישע לייכט־אַטלעטיק. 18.00 וואַרשאָ: פּאָפּולערער פּאָפּולערער קאָנצערט. 19.50 פּויזען: אָפּערע אין גרויסען טעאַטער. 22.45 ווילנאָ: „אַ שפּאַ־ציר איבער אייראָפּאַ".

קעניגסוועסטערהויזען: „ליסיסטראַטאַ", אָפּע־רעטקע פון לינעצקי. 20.00 לאַנגענבערג: „יער־ערבפערסטער", טראַגעדיע פון לודוויג. 20.00 לאָנדאָן: סימפאָנישער קאָנצערט. 21.00 רוים: „סילוואַנאַ", אָפּערע פון מאַסקאַני. 21.15 דאַווענטרי: „קעניג הענריק דער 8-טער" פון שעקספּיר.

שכור הענגט זיך

נאָר מען שניידט איהם אָפּ פון שטריק

(2) נעכטען אין אָווענד האָבען די קינדער, וואָס האָבען זיך געשפּילט אויפ׳ן הויף פון שענ־קעוויטש 2 דערזעהן עפּעס אַ שטאַרכען, וואָס האָט זיך דערטראָגען פון קלאָזעט. די קינדער האָבען אַרויסגערופען דעם זוהן פון הויז־וועכטער עדוואַרד אָלעיאַרטשיק, וועלכער איז אַריינגע־גאַנגען אין קלאָזעט און געזעהן דעם איינוואוי־נער פון דעמזעלבען הויז סטאַניסלאַוו זלאָטשאַק הענגען אויף אַ שטריק. דער הענגענדיגער איז שוין געווען איינגאַנצען בלוי. אָלעיאַרטשיק האָט אָפּגעשניטען דעם זעלבסטמערדער און האָט איהם דערמונטערט, דער זעלבסטמערדער האָט ערקלערט, אַז ער איז אַ שכור, פערטרונקט דאָס גאַנצע געלד און האָט שרעקליך מאַלטרעטירט זיין פרוי, כדי צו מאַכען אַ סוף פון דער לאַגע, האָט ער שוין 2 מאָל געפּרובט בעגעהן זעלבסטמאָרד.

פער׳סמ׳ט איז גאַס

(2) נעכטען אין דער פריה איז פאַר׳ן טויער פאַר׳ן הויז נאַפּיורקאָווסקאַ 25, אַוועקגעפאַלען עפּעס אַ יונגער־מאַן. די דורכגעהער האָבען אַלאַר־מירט פּאַגאָטאָוויע. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דער יונגערמאַן האָט זיך פער׳סמ׳ט. מ׳האָט איהם אָפּגעפיהרט אין שפּיטאָל. דער יונגערמאַן האָט נישט געהאַט ביי זיך קיין דאָקומענטען, אַזוי אַז עס איז נישט בעוואוסט: ווער ער איז.

אַפּטייקען

היינטיגע נאַכט־דיזשורען

(2) מ. עפּשטיין (פּיעטריקאָווער 228), מ. באַרטאָשעווסקי (פּיעטריקאָווער 95), מ. ראָזענבלום (ציגעל גאַס 12), גאָרפיין (ווסכאָדניאַ 54), י. קאָפּראָווסקי (נאָוואָמיעסקאַ 15).

אין קעלץ האָט פאַריגע וואָך „גערעגענט"

מיט... לודוויג גייער׳ס וועקסלען

פון קעלץ שרייבט מען אונז:

אין אַ רייה קעלצער באַנק־הייזער האָבען זיך פאַריגע וואָך געוויענדעט פערשידענע פערזאָנען, וועל־כע האָבען געוואָלט דיסקאָנטירען אין באַנק אויף אַ גרעסערע סומע וועקסלען פון דער בעקאַנטע לאָד־זער טעקסטיל־פאַבריק, לודוויג גייער.

צוליב די אומגעהויערע סומען פון די וועקסלען און צוליב דעם, וואָס מיט וועקסלען פון די זעלבע פירמע האָבען זיך דעמזעלבען טאָג געמאָלדען זעהר פיל פערזאָנען, איז דער ענין געוואָרען פערדעכטיגט ביי אַ טייל באַנק־דירעקציעס, וועלכע האָבען טאַקע ענטזאָגט די וועקסלען צו דיסקאָנטירען.

די פעראינטערעסירטע פערזאָנען האָבען באַלד נאָכקאָנטראָלירט די ריכטיגקייט פון די וועקסלען און האָבען זיך טאַקע באמת איבערצייגט אַז די וועקסלען זענען פאַלשע. אויף דער פאָדערונג פון די געליטענע האָבען די פּאָליציי־אָרגאַנען באַלד אַרעסטירט אַ געוויסען קעלצער האָלץ־סוחר יוסף רובינאָוויטש פון וועמען אַלע וועקסלען זאָלען האָבען געשטאַמט, ערשט איצט האָט זיך אַרויסגעוויזען די גרויס פון די אַפּערע. רובינאָוויטש האָט נעמליך אַרויסגעלאָזט אין פערקעהר אַזעלכע וועקסלען אויף צעהנדליגער טויזענדער זלאָטעס. אויך האָט ער זעלבסט אונטערגעשריבען אויף גרויסע סומען איי־גענע וועקסלען, וועלכע ווערען פּראָטעסטירט.

די געשיכטע ענדיגט זיך אָבער נאָך נישט מיט דעם. צוזאַמען נאָכ׳ן אַרעסט איז רובינאָ־וויטשען געלונגען זיך אַרויסצובעקומען פון אַרעסט הויז און איז אין אַ אומבעקאַנטער ריכטונג ענט־לאָפען.

איצט זוכען די געליטענע מיטלען ווי אַזוי צו כאַפּען דעם „העכט", וועלכער איז שוין אין קעלץ געקרוינט געוואָרען מיט׳ן נאָמען „לודוויג גייער"...

בלויז צו בעקומען אַזאַ נאָמען האָט זיך דאָס גאַנצע „עסק" אפשר געלוינט...

באריסקע דער דאקטאר

א סאקסאפאניסט אין פאריז

(פון די יודישע עמיגראנטען טראגעדיעס)

יעזוסי בראנאוויטש נאטקין האט בעקומען „פראוואזשיטעלסטווא“ אלס פעלדשער. בעזעצט ער זיך אין דער שטאדט ב... (אויסער דער „משער-סא“) צווישען קורסק און כארקאוו, וואו זיין זוהן באריסקא קומט אן גלייכצייטיג אין גימנאזיע.

בכדי צו פערזיכערען זיינע אויסזיכטען אויף אנצוקומען א׳ן אוניווערסיטעט, שמד׳ט זיך באריסקא בעצייטענס א ביסעל אונטער. יעזוסי בראנאוויטש מאכט זיך דערפון נישט קיין צימעס, ווי מען שמועסט איז אין געגענטייל זיין פרעסטיזש ביי די פריצים און „נאטשאלסטווא“ דערמיט געווארען נאך מעהר דערהויבען.

באריסקאס מוטער ראיסא סאלאמאנאוונא איז תחילת אפילו יא א ביסעל מקפיד אויף דעם „שעה-בעם“ מאט פון איהר זוהן, נישט אזוי אפשר צוליב זיך, ווי צוליב איהר משפחה, דארט אין דעם שטעדטעל פון וואהלינער געגענד מיט וועמען זי א׳ז נאך שטארק געקניפט, זי לעבט זיך אבער איין מיט׳ן געדאנק וועגען איהר זוהן אלס צוקונפטיגען דאקטאר און זייער משומד׳ל פיהלט זיך אינדערהיים ווי שטענדיג.

פיל גימנאזיסטקעס און גלאט מעדלעך האבען געזוכט די געזעלשאפט פון באריסקען מיט די רויזען-בעקלעך און עלאסטישע מאניערען, וואס שפילט נאך דערצו אזוי גוט גיטארע און מאנדאלין. זיין הארץ געהערט שוין אבער לאנג זייער קריסטליכען שכנ׳ס 17-יעהריג טעכטערל נאדיא, מיט די לאנגע בלאנדע צעפ. איצט, ווען ער איז סיי ווי א קריסט געווארען און קומט שוין אן אין כארקאווער אוניווערזיטעט איז געקומען די צייט, אז מחותנים פון ביידע צדדים זאלען קומען צו א הסכם — די חופה קימט פאר טאקי ביי זייער בעקאנטען גלח אגרדעי אין קלויסטער. דאס יונגע פאר פאלק פאהרט תיכף קיין כארקאוו, וואוהין ביידענס עלטערן זענען זיך מתחיב זיי שיקען צום לעבען, ביז באריסקא ווערט מיט מזל ענדיגען דאקטאר.

קיין פערבארגענע זאכען זענען נישטא און די קלאנגען וועגען באריסקאס שמד און נייע מחותנים דערגרייכען צו ראיסא סאלאמאנאווס משפחה, וועמען די בשורה האט געטראפען ווי א שרעקליכער דונער.

אלע בייזע חלומות, אלע קללות פון דער תוכחה גיסען זיי אויס אין א בריף צו באריסקאס קאפ.

אויף דער עמפפינדליכער ראיסא סאלאמאנאוונא מאכט דער אונערווארטעטער, שווארצער „ברוך הבא“ א׳ן ערשיטערענדען איינדרוק.

יעדעס ווארט שניידט זיך איהר איין, וואס ווייטער אלץ טיפער אין הארץ און מח, ווי א בייזער ווארים, וואס עסט, נאגט און זויגט אהן אויפהער.

ראיסא סאלאמאנאוונא איז אינגאנצען געבראכען — איהרע נערוון-פיבער און נערוון-אטאקען קומען אלץ אפטער ביז זי פאלט אריין אין א׳ן אונהיילבארער מרה שחורה. מען מוז זי אריינגעבען אין א משוגעים-הויז אין כארקאוו פון וואנען זי קומט שוין קיין לעבעדיגע נישט ארויס.

דער נייער צירקולאר, וועגען א בעשטימטער קאטעגאריע יודען, וואס פערלירען זייער „פראוואזשיטעלסטווא“ אויסער דער „משערטא“ איז אויך חל אויף יעזוסי בראנאוויטשען. „נאטשאלסטווא“ אבער, וואס איז אזוי אויסגעקניפט מיט דעם פעלדשער נאטקין פרובט עס פערשטיקען און עצה׳ט איהם, ער זאל זיך פרובירען ראטעווען דורך פראטעקציע, גרויסע אדוואקאטען וכדומה. אומזיסט איז אבער זייער מיה: א דאנק די בעמיהונגען פון זיין קאנקורענט דעם קריסטליכען פעלדשער קומט אן פון די סאמע הויכע פענסטער א דירעקטער שטרענגער בעפעהל, דער יוד נאטקין זאל אין 48 שעה פערלאזען די שטאדט, אין געגענפאל זאל מען איהם תיכף ומיד ארעסטירען און מיט׳ן עטאפ ארויסשיקען ביז די גרעניצען פון „תחום המושב“.

מיט עקעל און בלוט פון הארצען לאזט ער איבער זיין גאנץ גוטס און האב אויף הפקר און פערכאפענדיג נאר איינינע נויטיגע מעדיקאלע מכשירים, זוכט ער אויס זיין פערשימעלטען טלית ותפילין צוזאמען מיט׳ן תהלים׳ל און לאזט זיך מיט אנדערע אומגליקליכע ברידער וואנדערען צו זיין אלטער גלות-היים קיין וואהלין, וואו ער פאלט אבער, אלס קרבן אין די פאגראמען פון פעטלורס באנדעס.

* * *

נישט געראטען איז אויך געווען דאס צוזאמענלעבען פון באריסקא מיט נאדיאן — 2 באזונדערע וועלטען.

ער — זלמן דעם איינזינדער׳ס א׳איניקעל. אלס קינד איז ער דארט ביי זיין זיידען מיט דער מוטער צו גאסט געווען און געזעהען אט יענעם בעל בתיש-יודישען פרומען לעבען. ער האט בעזונדערס קיין מאל נישט פערגעסען דאס ברכות זאגען אלע אינדערפריה פון זיין זיידענס 4-יעהריג מעזינקעלע יוכבד׳ל, און ווי אזוי זי פלעגט נאך דערביי אזוי שעהן צוזינגען.

זי — א׳אויסגעשפראכענע „סט. ראבאריאדקע“ (אלט רוסישע פרומע קריסטליכע סעקטע), דורכגעדרונגען און דורכגעזאפט מיט דער אטמאספער פון די צעהנדליגער „איקאנעס“ (הייליגע בילדער) אויף די ווענד. מיט ליידענשאפטליכער רעליגיעזער התלהבות האט זי זיך געסטארעט איינצופיהרען אין זייער הויז די זיטען און מנהגים פון איהרע עלטערען, בעליידיגענדיג איהם נאך דערצו אפט מיט איהרע מיסטישע מעשיות און אומגעלומפערטע לעגענדעס וועגען ריטועלע מארדען פון די „זשידעס“...

בכדי נישט ארויסצורופען, אלס משומד, קיין שום חשד שלינגט ער אראפ דעם ביטערען פילען ביז דער געשוויר פלאצט סוף כל סוף.

אין 1913 ענדיגט באריסקא דאקטאר, אין דער זעלבער צייט שטארבט איהם זיין מוטער, ווי געזאגט, דארט אין דולהויז. ער קומט פון דער לויה. וואו ער האט געמוזט שטעהן פון דער ווייטענס און הערען, ווי א פרעמדער יוד זאגט נאך איהר דעם ערשטען קדיש.

ווי א ווילדע חיה ווארפט ער זיך פלוצלינג אויף די הויז-בעגענשטאנדען, וואס ווערען אונטער זיינע הענד צושמעטערט אויף פיצלעך. נאדיא שטעהט בשעת מעשה א בלאסע מיט פערביסענע ליפען, ביז ער בעגעהט א טאט פון פערשוועכונג לגבי איהרע הייליגע בילדער. העלדיש פערשטעלט זי איהם דעמאלסט דעם וועג. ער ווערט מאמענטאל אבהענדיג און וויל זי איבערבעטען, זי ענטפערט איהם אבער נישט קיין ווארט און פערפאקענדיג איהרע זאכען צוזאמען מיט די הייליגע מכשירים, פאהרט זי אוועק צו איהרע עלטערען פון וואנען איהר משפחה לאזט זי נישט מעהר פאהרען צוריק צו דעם „פערפלוכטען זשיד“...

באריסקא ווערט דורך דער פאליציי געצוואונגען אבצוגעבען דין וחשבון פאר זיינע מעשים. ער ווערט אבער נעלם און ערשיינט ערשט נאך דער רעוואלוציע.

ער טרעט דאן אריין אין טראצקי׳ס ארמעע אלס מעדיקער, פון וואנען ער מאכט אבער אויך פליטה קיין דייטשלאנד, וואו ער קעהרט זיך ביסלעכווייז אום צום יודענטום.

אהן פאפירען און אהן געלד פלאגט זיך דארט אונזער טראגישער העלד געגוג אויפ׳ן שטיקעל ברויט. בעקאנטע גיבען איהם א׳עצה ער זאל וואנדערען קיין פאריז, וואו ער לעבט מסתמא אויך נישט קיין האניג, ביז ער פאלט אויף א געלונגענער סברא: היות ווי ער איז מוזיקאליש און שפילט גאנץ ניש׳קשה׳דיג, וועט ער זיך אויסלערנען שפילען סאקסאפאן און „באנדזשא“.

דער געדאנק איז א׳אויסגעצייכענטער. אונזער נייער קינסטלער מאכט ריזיגע פארטשריט און שפילט שוין אין א קורצער צייט אויף בעלער חתונות וכדומה, פון וואס ער פערדינט זיך שוין זיין חיונה.

רעקאמענדירען זיך אלס דאקטאר, האט אונזער „דאקטארישער“ סאקסאפאניסט נישט בדעה דאך האבען זיינע בעקאנטע א׳נהנוגג וועגען איהם, אז ער האט א ידיעה אין חכמת הדאקטאריע. נישט ווילענדיג, כאפט ער זיך אפטמאל ארויס מיט א דיאגנאז, א רפואה׳לע פון א לייכטער פערקעלטערונג, מאגען-פערדארבונג, קאפווועהטאג, פיבער וכדומה, דערצו איז ער זיך גלאט זייער „לייב-מצדיק“ אויף באנקעס שטעלען, הויזט - אונטערשפרצונגען, מאסאזשען מאכען א. ד. גל.

כאטש אונזער בעל דבר שפרינגט שוין בינו לבינו אריבער די פערציגער, דאך זעהט ער אויס יונג, פריש און קאנסערווירט זיך גוט נאך זיינע איבערלעבונגען.

ער קומט איינמאל אריין צו א בעקאנטען מוזיקער, וועמעס פרוי עס נוצט אויס די געלעגענהייט, איהם אריינצופיהרען צו זייערער א שכנה, וואס פיהלט זיך עפעס נישט מיט אלעמען.

ער קומט ארויף. א סימפאטישע, שעהנע פרוי א יאהר — צוויי און דרייסיג און איז אזוי ענליך צו זיין מוטער...

„מען דארף שטעלען באנקעס“ — פיהרט מען זיך דערווייל א שמועס און וועלכען זי דערצעהלט איהם דורך אגב, אז זי מיט איהר מאן זענען בעת די אוקראינער פאגראמען נאך ווארשא געלאפען. דארט האט איהר סיאמא געשפילט ערשטע פידעל אין א טעאטער און זי האט געארבייט אלס אויסנעהערין אויף זייד, פון וואס זיי האבען זיך בשפע צום לעבען פערדינט. דאס שיקזאל האט אבער אנדערש געוואלט און איהר מאן שטארבט נאך א נישט געלונגענער אפעראציע.

איצט איז זי שוין א פאר יאהר אין פאריז, וואו זי ווארט אגב אויף דער אמעריקאנער קוואטא. וועגען חתונה האבען, נאך אמאל דענקט זי נישט.

אריינלאזען זיך אין א טיפערען שמועס וועגען זייער אבשטאמונג איז נישט געווען כדאי, איבעריגענס האט ער זיך טאקי דערפון אבגעהאלטען צוליב זיין חטאת נעורים און אמאליגען שמדפלעק.

די וועלט איז זיך א וועלט — מענשען זענען דאך נישט קיין מלאכים... באריסקא מיט זיין נייער פריינדין בעגעגנען זיך אפטער און בעקענען זיך נעהענטער.

זיין רעפוטאציע איז טאדעללאז, דער כאראקטער — פיין, אינטעליגענטע, עלאסטישע מאניערן, א געשליפענער צינגעל אויף רוסיש, א ביסעל יודיש, דייטש און אויך פראנצויזיש.

איין מאל שפילט ער אויף א באל צין א געזעלשאפט פון רוסען און... אוי וועה!... — פנים אל פנים מיט זיין אמאליגער נאדיאן! נישט מיט איהר קול שרייט זי אויס: „באריא“! און פאלט אין חלשות — א געלויף — א טומעל...

אין דער צייט, ווען מען מינטערט זי, ווארפט ער אלץ און לויפט א מטושטש׳דיגער נישט ווייסענדיג וואוהין.

גאנץ פריה איז ער שוין ביי זיין אלמנה (אגב איז זי שוין א ביסעלע שוואנגער) א צושויבערטער, א ווילדער.

— „סאניעטשקא! ווי גאט איז דיר ליב, שיק תיכף נאך א רב, א חזן, א שמש -- נאך וועמען דו ווילסט און זאל מען תיכף שטעלען א חופה!“ א דערשראקענע אויף טויט נישט וויסענדיג אין וואס עס האנדעלט זיך געהט זי מקיים זיין זיין פערלאנג.

די כלי קודש קומען ארויף אין א פאר שעה ארום מוכן ומזומן זיי צוגעבען חופה וקידושין. נאך א חקירה ודרישה אבער א׳ז ער זיי גאר פותר א׳אנדערען שרעקליכען חלום:

„מיינע הערען! ווענדען זיך צו זיי די כלי קודש גאנץ רוהיג, מיר זענען אייך מודיע, אז לויט׳ן יודישען דין... איז פערוועהרט ביי יודען חתונה צו האבען מיט דער מוטערס שוועסטער! — א גוטען טאג, ענטשולדיגט!...“

סאניעטשקע איז געווען נישט קיין אנדערע ווי יוכבד׳ל, די מוזינקעלע פון זיין זיידען ר׳ זלמן זיין מוטערס, הייסט עס א שוועסטער...

א. הירשען

„לאמיר זיין געזונד!“

אפטיילונג פון „נייעם פאלקסבלאט“ פאר פראגעז פון געזונדהייטס-וועזען, היגיענע און מעדיצין

אונטער דער רעדאקציע פון דר. ע. אוריסאן און דר. לעאן פוקס.

אין דער אפטיילונג „לאמיר זיין געזונד“ קאן זיך ווענדען יעדער לעזער פון „נייעם פאלקסבלאט“, וועלכער זוכט א׳ענטפער, א׳עצה אדער אנווייזונג און פראגען, וואס האבען א שייכות צו געזונדהייט, קראנקהייטס-פאלען, סאניטארען וועזען, מעדיצין, היגיענע א. ד. גל.

די פראגען דארפען געמאכט ווערען שריפטליך, מיר בעטען צו שרייבען ריין, דייטליך און לעזבאר, נאר מיט טינט.

צו א׳אנפראגע דארף צוגעלעגט ווערען א געהעריגער קופאן מיט דער דאטע פון טאג, ווען די אנפראגע איז אריינגעטראגען געווארען.

דער אנפרעגער איז נישט מחויב אונטערצושרייבען זיין ריכטיגען נאמען, ס׳איז גענוג א צייכען, א פסעוודאנים.

„לאמיר זיין געזונד“!
אפטיילונג פון „נייעם פאלקסבלאט“
פאר געזונדהייטס-פראגען, היגיענע און מעדיצין

ענטפערען ווערען געגעבען נאר אויף שריפטליכע אנפראגען.
דינסטאג, דעם 13-טען אויגוסט 1929.

25. A. B. אל. 1. מאי.

איהר דארפט זיך מיט אייער „ברענונג אין מאגען“ ווענדען צו א מאגען-דאקטאר“ ווענדען צו א מאגען-דאקטאר, וועלכע וועט אונטערזוכען, פון וואנען שטאמט דאס „ברענונג“. ס׳קאן אמאל קומען פון א׳ערנסטער קראנקהייט. זאדע וועט אייך דערווייל נישט שאטען.

26. E. L. 79.

די פעהלערן, וואס איהר האט, וועלען אייך נישט שטערען חתונה צו האבען.

27. חארבע שאלה.

איהר דארפט זיך נישט אזוי נעהמען צום הארצען צוליב אייער קראנק. איהר זייט נישט קיין יונג מיידעל, ביי וועלכער א שעהן פנים שפילט א וויכטיגע ראל אין לעבען. די קאסמעטישע היילונג פון אייערע קרענק איז זעהר א לאנגע און נישט שטענדיג ברענגט עס גרויס נוצען. ווענדעט זיך יעדענפאלס צו א הויט-דאקטאר.

28. ס. ר. פון מלינארסקא.

איהר דארפט אבסאלוט נישט מורא האבען חתונה צו האבען. קיין שום שאדען האט אייך דער אנאניזם, וועלכען איהר האט א קורצע צייט געטריבען, נישט געבראכט. דער בעסטער בעוויז איז, אז איהר האט זיך דערפון לייכט אפגעוואוינט און איהר פיהלט זיך גוט. שרעקט זיך נאר נישט, וועט אלעס גוט זיין.

29. M. T. 9.

ווענדעט זיך מיט א שריפטליכער ביטע צום קאמיסאר פון דער קראנקען-קאסע, וועט מען אייך ערלויבען זיך צו היילען ביי דעם האלז-דאקטאר, ביי וועלכען איהר ווילט.

30. ר. ס. פון גייערס ראיאן.

מיט אייערע ווארצלען אויף די פינגער דארפט איהר זיך ווענדען צו א הויט-דאקטאר.

31. B. M. און A. I. M.

ראדיקאל אויסהיילען העמארידען קאן מען נאר דורך א׳אפעראציע. קודם כל דארף בעשטימט ווערען, צי איהר זענט קראנק אויף העמארידען, צי אויף א׳אנדערע קרענק. נישט יעדער בלוטיגער שטוהל-גאנג שטאמט פון העמארידען. ס׳איז דא א גאנצע רייהע אנדערע קרענק, ביי וועלכע ס׳איז פאראן בלוטיגער שטוהל-גאנג.

32. ר. מ.

דאס בעסטע מיטעל צו ערציהען אייער קינד, וואס ווייזט ארויס אזא מין רשעות און בייזקייט, וואלט געווען עס אפצוגעבען אין א ספעציעלער ערציהונגס-אנשטאלט, וואו עס זאל זיך געפינען אונטער דער אויפזיכט און אנפיהרונג פון געניטע פעדאגאגען און דאקטורים. אויב דאס איז פאר אייך אוממעגליך, וואלט איהר אפשר געפרובט צו בייטען די סביבה פאר׳ן קינד, אפגעבען עס צו קרובים אדער פריינד, וואו עס זאל אבער האבען די געהעריגע היגיענישע און אנדערע נויטיגע בעדינגונגען. מעגליך, אז די געענדערטע אומגעבונג וואלט אויפ׳ן קינד געווירקט בערוהיגענדיג. ס׳איז נאך א פראגע: צי איז דאס קינד אמאל נישט קראנק אויף עפעס (

אַ משומד מאַכט אַ לעבּען פון אָפּנאַרען מלחמה-אלמנות אַז ער איז זייער פערשטאָרבּענער מאַן

— ליב אייך אייערר גאַסט, שכנ'טע.

— אַ דאַנק, אַ דאַנק, ליב זאָל אייך זיין דאָס לעבּען.

— אָט דאָס הייסט אַגאַסט! אַהיימגעקומען אייער מאַן? אויפגעשטאַנען תחית המתים?

— יאָ, געלויבּט איז גאָט, ער איז ענדליך אַהיימגעקומען נאָך 14 יאָהר צייט.

— נו, געלויבּט איז דער איבּערשטער אַפּי ער איז דאָ, אַפּי מען זעהט זיך מיט געזונד, אַפּי ער האָט געטראָפען אַהיים, נאָך אַזאַ לאַנגע צייט.

— אָט דאָס הייסט אַ גליק פון אַנ'אָ־ימער אלמנה.

— יאָ, אַ גרויסע גאולה, דער פערלוירענער מאַן האָט זיך אָפּגעזוכט. צו גליק און צו געזונד, דער טויטער מאַן איז אַהיימגעקומען.

אַזוי האָבּען גערעדט און זיך אָנגעווינשעוועט די פויערים פון דעם דאָרף פישער, נעבּען זאַלצ־בּורג אין עסטרייך, ווען צו דער פויערטע, די אלמנה פאָלרי ווילאַנד, איז פּלוצים אַהיימגעקומען איהר טויטער מאַן, וועלכער איז צוריק מיט יאָהרען אין דער מלחמה גע'הרג'עט געוואָרען. ער איז אַוועק אין דער מלחמה אַלס סאָלדאַט און ער איז נישט מעהר אַהיימגעקומען. זיין פרוי איז געווען זיכער, אַז איהר מאַן יאָזעף איז געפאַלען טויט אויפ'ן שלאַכטפעלד. דאָך האָט זי נ'שט חתונה געהאַט נאָך אַמאָל און זי איז געבּליבּען אַ וויסטע אלמנה. זי האָט בּעוויינט איהר געפאַלענעם מאַן און דאַן אָן איהם פערגעסען, ווי מען פערגעסט אַ טויטען.

און פּלוצים אַזאַ גליק. דער מאַן איז אַהיימגעקומען געזונד און פריש. ער האָט זיך צוקושט מיט'ן ווייבּ און מיט די קינדער. זיינע אַלטע טאַטע־מאַמע מיט זיינע שוועסטער און בּרידער מיט מחותנים און פעטערס און מיט דער גאַנצער משפּחה, האָבּען איהם אַרומגענומען, געקושט און זיך מיט איהם געפרעהט.

דאָס גאַנצע דאָרף איז אַרויס פון די כלים פון שמחה. אַ קליינינקייט אַזאַ טייערער גאַסט אַזאַ אָנגעלעגטער גאַסט. אַ טויטער איז אויפגעשטאַנען תחית המתים.

די פאָרשטעהער פון דאָרף האָבּען געמאַכט פאַר דעם טייערען גאַסט אַ פייערליכען קבלת פנים און דער בּירגער־מייסטער האָט געהאַלטען אַ רעדע לכבוד דעם גאַסט. די איינוואוינער פון דאָרף האָבּען געמאַכט אַ בּאַל מיט אַ שמחה, מוזיק האָט געשפּילט און מען האָט געטאַנצט און געהוליעט בּיז גאָר. דער גרויסער גאַסט אַליין האָט זיך אויך זעהר געפרעהט: ער האָט געגעסען און געטרונקען און געהאַלטען זיך אין איין קושען מיט זיין פרוי. ער האָט דערצעהלט, אַז די אַלע יאָהרען איז ער געווען אַ קריגס־געפאַנגענער אין איטאַליען און ערשט יעצט איז איהם געלונגען אַהיימצוקו־מען צו זיין טייערער פרוי.

די פויערטע, זיין פרוי, האָט זיך אויך זעהר געפרעהט מיט איהר אַהיימגעקומענעם מאַן, וועל־כען זי האָט גערעכענט פאַר טויט, און וועמען זי האָט שוין בּעוויינט און בּעקלאָגט, און גע־מיינט אַז זיינע בּיינער ווענען שוין לאַנג פערר־פוילט געוואָרען אין דער ערד. און פּלוצים, נאַ דיר, איז ער גאָר אַהיימגעקומען אַ גאַנצער און לעבּעדיגער.

אַז די ערשטע צייט פון פרייד און בּעגייסטער־רונג איז פאַריבּער, האָט די פויערטע מיט גרויס וואונדער בּעמערקט אַז איהר מאַן איז עפּעס גאָר אַנ'איבּערגעביטענער. פאַר דער מלחמה איז ער געווען אַ טרייער מאַן, אַ גוטער בּאַלעבּאָס און אַ גוטער פאָטער צו זיינע קינדער, און יעצט איז יאָזעף אַזאַ אַך און וועה! אַ שבור און קאָרטען

(בריף פון ניו-יאָרק)

שפּילער, ער וויל נישט אַרבּייטען בּיי דער פויער־רישער בּאַלעבּאַטישקייט און נאָר ער פרעסט און זויפט און זיצט אין שענק און שלאָגט די קינדער און פאַטשט זיך. און חוץ דעם האָט די פויערטע עפּעס נעגומען בּעמערקען, אַז דער אַהיים־געקומע־נער מאַן האָט עפּעס גאָר פערגעסען געוויסע זאַ־כען, אַ שטייגער ווי אַלט זייערע קינדער ווענען און ווען זי האָט מיט איהם געהייראַט. זי געדענקט גאָר גענוי, אַז געהייראַט האָבּען זיי אין ווינטער און ער, דער מאַן, טענה'ט נאָר, אַז געווען איז עס אין סאַמע מיט'ן זומער. און חוץ דעם איז ער עפּעס אויך מאָרנע אַנדערש געוואָרען. פריהער איז ער געווען אַ לאַנגער מענש בּיז אונטער דער סטעליע און יעצט איז ער עפּעס קירצער געוואָ־רען. קען דען געמאָהלט זיין, אַז ער איז אַבּיסעל צוריקגעוואַקסען?

— וואָג נאָר, מיין טייערער מאַן, וואָס איז עפּעס געוואָרען אין דער מלחמה מיט דיין נאָז? האָסט געהאַט אַזאַ שעהנעם קורצען נאָז און יעצט איז ער אַזוי לאַנג, וואָס איז דאָס?

— בּיזט גערעכט, מייט טייערע ווייבּ — האָט זיך דער מאַן צווויינט מיט הייסע טרעהרען. — אין דער מלחמה האָט מען מיר אָפּגעשאָסען מיין אַלטע שעהנע נאָז און דאַן האָבּען מיר די דאָקטוירים אין שפּיטאָל צוגענעהט עפּעס אַ פרעמדע לאַנגע נאָז?

נו, אויבּ אַזוי — האָט זיך די פויערטע גע־קלערט — איז שוין עפּעס אַנדערש. און אויך דאָס וואָס פריהער איז איהר מאַן יאָ עף געווען אַ בּלאָנ־דער מיט בּלויע אויגען און יעצט איז ער אַ שוואַר־צער מיט שוואַרצע אויגען, האָט זיך אויפגעקלערט. אין איטאַליען, וואו ער איז פיהל יאָהרען געווען אין קריגס־געפאַנגענשאַפט, האָט איהם די הייסע איטאַליענישע זון אַזוי שטאַרק אָפּגעבּרענט, אַז ער איז אַבּיסעל פערשוואַרצט געוואָרען, האָט יאָ־זעף געזאָגט, און זיין פרוי האָט איהם געמוזט גלויבּען. אַ בּרירה האָט זי געהאַט. וואָרום טאָמער איז איהר קשה געווען אַז איהר מאַן איז עפּעס נישט דערזעלבּער וואָס געווען, האָט ער געהאַט אַ גוט מיטעל צו איבּערצייגען איהר, אַז זי האָט במחילה אַ גרויסען טעות. ער האָט גענומען אַ שטעקען און אַזוי לאַנג געבּראָכען איהר די בּיינער, בּיז זי האָט שוין געמוזט גלויבּען אַלעס וואָס ער האָט איהר דערצעהלט.

— פרעג נישט פיל, ווייל כ'בּין געוואָרען אַ בּייזער, ווייסט כאַפּען שטעקענס — האָט ער גע־זאָגט צו זיין ווייבּ, דער פויערטע.

אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, אַז דער גלח און די פויערים האָבּען דעם שווינדלער געגלויבּט, אַז ער איז דער צוריקגעקומענער. די פויערים האָ־בּען וועגען דעם דעבּאַטירט אין שענק און מען איז געקומען צום שלוס, אַז די פערוואונדונגען אין קאָפּ אין דער מלחמה האָבּען אָפּגעשוואַכט זיין זיין זכרון אַזוי, אַז ער קען זיך נישט דערמאָנען געוויסע זאַכען, וועלכע זענען פאָרגעקומען מיט איהם מיט זיין פאַמיליע אָדער אין דאָרף מיט פילע יאָהרען צוריק. עס איז דעם שווינדלער אויך געלונ־גען אָפּצונאַרען זיינע אייגענע עלטערען, זיי זאָלען גלויבּען אַז ער איז זייער פערלוירענער זוהן. דאָס הייסט נאָר דעם טאַטען האָט ער געקענט אָפּנאַרען. דער פויער, וועלכער איז אַ גרויסער שכור און איז שטענדיג פערשנאָשקעט, האָט געהאַלטען אין איין טענה'ן אין דאָרף, אַז יאָזעף איז ווירקליך זיין זוהן און ווער עס וואַגט צו זאָגען אַנדערש, איז אַ פער־לוימדער. די מאַמע האָט אָבּער זיך נישט געלאָזט אָפּנאַרען. זי האָט פון ערשטען אויגענבּליק געפיהלט, אַז דער צוריקגעקומענער איז נישט איהר זוהן יאָזעף. די פויערטע האָט גלייך געפיהלט, אַז עס איז נישט איהר בּלוט און פליישׁ, און זי פלעגט זיך בּאַהאַלטען אין ווינקעל און וויינען אויפ'ן טויט פון איהר ווירקליכען זוהן. אָבּער וואָס האָט זי גע־קענט טון? קיינער האָט איהר נישט געוואָלט גלוי־בּען, אַז דער צוריקגעקומענער איז נישט איהר זוהן.

פּאַסירט האָט אָבּער אָט וואָס:

ער האָט נעמליך געפּראַוועט אַ ברית, זיין פרוי האָט איהם געבּוירען אַ צווילינג. האָט ער געמאַכט אַ פיינע סעודה. מען האָט איינגעלאַדען גוטע פריינד און שכנים, מען האָט געמאַכט אַ פעסעל בּראָנפען און אַז דאָס האַרץ פון דעם בּעל־ברית איז שוין געווען גאָר גוט פרעהליך פון דער משקה, האָט ער פערלאַנגט, אַז די קינדער זאָלען פערשריבּען ווערען אין די אַמטס־דאָקומענטען נישט מיט'ן נאָמען ווילאַנד, ווי ער האָט זיך גערופען, נאָר מיט'ן נאָמען רעדיש, אום ער זאָל דאַן האָ־בּען אַ געזעצליכען רעכט אויף דער פויערטע'ס פער־מעגען.

פאַרוואָס עפּעס רעדיש? — האָט מען איהם געפרעגט — דו הייסט דאָך ווילאַנד.

— אַזוי, ווייל איך הייס צוויי נעמען: איין מאָל ווילאַנד און איין מאָל רעדיש.

דער פאָרשטעהער פון דאָרף איז די זאַך אַריין אין נאָז. ער האָט גענומען זיך בּראַטען מיט די זשאַנדאַרמען און אין דאָרף האָט זיך פערקאָכט אַ קאַשע. מען האָט אָנגעהויבּען צו מורמלען. די זשאַנ־דאַרמען האָבּען גענומען אויספאָרשען די זאַך און באַלד איז יאָזעף ווילאַנד אַרעסטירט געוואָרען.

און עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער איז גאָר נישט דער פויער יאָזעף ווילאַנד, נאָר דער שווינדלער יאָהאַן רעדיש, וועלכער האָט זיך אויס־געגעבּען אַלס יאָזעף ווילאַנד און געלעבּט מיט אַ פרעמדער גוי'ע, מיט דער אלמנה פון יאָזעף ווי־לאַנד.

אַז מען האָט דעם שווינדלער אָפּגעפיהרט אין טורמע, איז דאָס גאַנצע דאָרף פויערים איהם נאָכגעלאָפען מיט צעפּעס און רידעלס און איהם געוואָלט לינטשען.

די אלמנה האָט נעבּעך געקלאָגט און גע־וויינט:

— כ'האָב אָבּער געוואוסט — האָט זי גע־יאָמערט, — אַז דאָס איז נישט מיין מאַן, נאָר עפּעס אַ פרעמדער מענש, אַ בּראַנד אין זיין גאָר־געל.

בּיי דער ווייטערדיגער אונטערזוכונג האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער שווינדלער רעדיש איז אַ משומד און אַז זיין ספּעציעלער פאַך איז צו פער־פיהרען מלחמה־אלמנות און זיי אנרערען אַז ער איז געפאַלען אויפ'ן שלאַכטפעלד. דער וואונדער איז נאָר, וואָס די אלמנות לאָזען זיך יאַקאַש אָפּנאַרען.

פאַר דעם מאָרגעם שווינדעל איז דער משומד רעדיש שוין פריהער אָפּגעזעסען 3 יאָהר אין טור־מע, אָבּער דאָס שרעקט איהם נישט אָפּ יעדעס מאָל, ווען ער קומט אַרויס פון טורמע, ווידער אויפצוזוכען אַ קריגס־אלמנה און זיך אויסצוגעבּען אַלס איהר פערשטאָרבּענער מאַן, פריהער געפינט ער אויס געוויסע אייגענהייטען פונ'ם לעבּען פון דער בּעטרעפענדער אלמנה אָדער עגונה, וועמענס מאַן עס איז אין קריג געפאַלען אָדער פערלוירען געגאַנגען. דאַן פאַלט ער פּלוצים אַראָפּ ווי פונ'ם הימעל און „קומט אַהיים" צום „ווייבּ און די „קינ־דער" און עס איז אַ גרויסע גדולה. ער לעבּט אַ גוטען טאָג און נאַרט אויס געלד בּיי די אלמנות און עגונות, בּיז מען כאַפּט איהם און ער ווערט אַרעסטירט.

יעצט ווערט זיך דער משומד רעדיש שוין אָפּ־רוהען אַ היבּשע צייט אין „חד גדיא" (טורמע).

מ—ף

יודיש טעאַטער אין פילהאַרמאָניע, נאַרוטאָוויטשאַ 20
אונטער דער לייטונג פון א. בּעזמאַן.
אויפ'ן פערלאַנג פון פּובּליקום זענען די פאָרשטעלונגען פון בּעליבּטען אַרטיסט
מ. לאַמפּע פ. מענדעלעוויטש
— פערלענגערט געוואָרען —
היינט, דינסטאָג, דעם 13־טען, 9 אָווענד פון 50 גר. בּיז 2 זל.
צום 2־טען מאָל די גרויסע אויפפיהרונג
די גנבים
אין 3 אַקטען פון בּימקא. הויפּטראָל „שלמה" — מ. לאַמפּע.
ס'נעמט אָנטייל דאָס גאַנצע פערסאָנאַל. בּילעטען צו בּעקומען אין קאַסע פון פילהאַרמאָניע
אַדמיניסטראַטאָר: מ. אַרנוואַלד. מוזיקאַלישער לייטער: ל. זעלמאַן.

DR. MED.
Grzegorz Rozenberg
ספּעציאַל־אַרצט פאַר מאַגען, קישקע, לעבּער און אַ נערליכע קראַנקהייטען
גראַנסקאַ 44 (רלוגאַ) Tel. 24-44
נעמט אָן פון 11 בּיז 1 נאָכמ. און פון $5^1/_2$ בּיז $7^1/_2$ אָווענד חוץ מיטוואָך נאָר פון 11 בּיז 1 נאָכמ.

Dr. Z. Rakowski
ספּעצ. פאַר אויערען־, נאָז־, האַלז־ און לונגען־קראַנקהייטען
קאָנסטאַנטינער 9, טעלעפאָן 27-81.
שפּרעכשטונדען פון 12—2 און פון 5—7. נעמט אויך אָן אין לעמשניצע, זגערזשער 17 פון 10—11 און פון 2—3.

גאלדענע גליקען

(רעמאַן)

100)

— דאָס איז אַ זעהר שווערער און פערפּלאָנ־טערטער ענין, מיסטער, אָבּער דעם אמת־זאָגענדיג, האָב איך געהאַלטען פון דעם ערשטען מאָמענט אָן, אַז מיר זענען בּעגאַנגען אַ פעהלער מיט'ן אַרעס־טירען אייך. דער צימער איז צו אייער דיספּאָזי־ציע — האָט ער צוגעגעבּען, געהענדיג צו דער טיר — איך געה געבּען אַ פעראָרדנונג, אַז מ'זאָל צו־צופּליייבּען אייערע זאַכען און אָפּשיקען צו אייך אין נאַטאָנאַנס וואוינונג.

— איך גראַטוליר אייך פון טיפען האַרצען! — האָט זיך אָפּגערופען גאַרראָן, פעסט דריקענדיג מיר די האַנד, בּעת מיר זענען געבּליבּען אַליין.

— אַ דאַנק אייך! — האָב איך געענטפערט — איך בּין אייך זעהר און זעהר דאַנקבּאַר פאַר אייער פעראינטערעסירען זיך מיט מיין גורל.

ער האָט אַ שמייכעל געטון מיט אַ פוילען, רוהיגען שמייכעל.

— דאַנקען מיר איז נישטאָ פאַרוואָס. אַלץ האָט אַדורכגעפיהרט אייער אויסגעצייכענטער לאַקעי. אין מיין גאַנצער קאַריערע האָב איך נאָך נישט געהאַט אַזאַ עהנליכען פאַל, וואו כ'זאָל זיך האָ־בּען געפיהלט אַזוי איבּעריג, ווי אין אייער פאַל.

די אומרוהיגקייט וועגען מאַריאַן און בּיל'ן, וועלכע האָט זיך אויף אַ ווייל איינגעשטילט מחמת דער פרייד, האָט זיך ווידער געלאָט פיהלען, און צו־ריקגעקומען מיט אַ נייער קראַפט.

— מיסטער גאַרראָן, — האָבּ איך געזאָגט — איצט דאַרף איך אייער הילף נאָך מעהר, ווי פריי־הער. עס איז עפּעס פיהל איך, געשעהן מיט דער מיס סאַלאַנאַ. ביל האָט זי געוואָלט בּרענגען אין געריכט אַריין, און איך וועל זיך נישט בּערוהיגען כל זמן איך וועל איהם נישט זעהן.

— איך ווייס עס, — האָט ער לעהבּאַפט גע־ענטפערט — בּערוהיגט זיך אָבּער. פון נעכטען אין אָווענד גיט אויף טרייגאָטם הויז אַכטונג איינער פון מיינע בּעסטע מענשען. פרעסטאָן יאָגט נאָך גוֹ־אַרעס'ן מיט זיין חבריא. און אַ ליאַדע מינוט וואַרט איך, אויף אַ ידיעה וועגען זייער אַרעסט. זיי ווייסען, אַז פּאָליציי זוכט זיי, און זיי וועלען נישט האָבּען די דרייסקייט...

— איך האָב נישט קיין מורא פאַר גוֹאַרעס'ן — האָבּ איך געענטפערט — מורא האָב איך פאַר סענ־נאַט'ן.

— פאַר'ן לאָרד סעננאַט!? — האָט דער אַדוואָקאַט פערוואונדערט אויסגערופען.

— יאָ! — האָבּ איך געענטפערט, און פּלוצים זיך דערמאָנט, אַז דערצעהלענדיגאיהם מיינע איבּער־לעבּונגען פון דער לעצטער צייט, האָב איך אַדורכ־געלאָזט די סצענע פון מיין שטורמישער צוזאַמענ־טרעפעניש מיט'ן לאָרד סעננאַט.

— ער האָט זי ליב! — האָבּ איך צוגעגעבּען — ער ליבּט זי אויף זיין אופן, און איך האָב מורא, אַז זיינע געפיהלען קאָנען איהם שטויסען אויף מיאוסע מעשים.

ווי נאָר איך האָב אַרויסגערעדט די דאָזיגע ווערטער, האָט זיך אין דער טיר דערהערט אַ קלאַ־פען, און אויף דער שוועל האָט זיך בּעוויזען אַ פּאָליציאַנט.

— צוויי הערען ווילען דרינגענד זעהן דעם מיסטער גאַרראָן. זאָל איך זיי אַריינפיהרען אַהער?

— יאָ, יאָ, — האָב איך זיך שנעל אָפּגערופען, און וועגדענדיג זיך צו גאַרראָנען, האָב איך צוגעגע־בּען — דאָס איז געווים בּיל און אייער מענש! קיין אַנדערע קאָנען עס נישט זיין!

דער פּאָליציאַנט איז צוגעגאַנגען צו מיר און מענטשעלע אין אַ בּלויער מאַרינאַרקע.

— שוין, מיסטער, דאָס האָט מען מיר געהייסען אייך איבּערגעבּען. אַ דאַמע אין געריכט־זאַל האָט עס געבּעטען איבּערצוגעבּען אייך דירעקט.

איך האָב גענומען דאָס פּאַפּירעל.

איין בּליק אויפ'ן כתב איז געווען גענוג, איך זאָל דערקענען די האַנדשריפט פון דער לערי בּאַראַדעל.

איך האָב דאָס פּאַפּירעל נישט געלייענטערהייד אַריינגערוקט אין טאַש.

איך האָב איצט פּשוט נישט געקאָנט טראַכטען וועגען קיינעם אַ חוץ מאַריאַן.

איך האָבּ בּלויז אַ קוק געטון אויף בּיל'ן און גלייך פערשטאַנען, אַז די בּראָך איז גרויס — אַז מיינע פאָרגעפיהלען זענען געווען בּערעכטיגטע.

בּיל איז געווען בּלאַס, און איך האָב נאָך קיינ־מאָל נישט געזעהען אַ'זוי בּייז־אָנגעכמאַרעט.

הינטער איהם איז נעגאַנגען אַ קליין שוואַרץ מענשעלע אין אַ בּלויער מאַרינאַרקע.

— וואָס איז געשעהן בּיל? — האָב איך זיך אַ וואָרף געטון צו איהם.

— סעננאַט האָט אוועקגעריבּט מאַריאַ'ן!

— האָט ער שנידיג געענטפערט — מיר יאָגען זיי נאָך אויף אַנ'אויטאָ. כ'רעכען, מיר וועלען בּעווייזען...

איהם האָט איבּערגעשלאָגען די קאַלטע טרו־קענע שטים פון גאַרראָנען:

— וואָס בּערייט עס, ווילטאָן?

דאָס קליינע מענשעלע האָט געוואָלט עפּעס ענטפערען, אָבּער בּיל האָט איהם נישט געלאָזט:

— מיסטער גאַרראָן, מיר האָבּען איצט נישט קיין צייט צו געבּען אויפקלעהרונגען. איהר דאַרפט דערלויבּען ווילטאָנען צו פאָהרען מיט מיר. מיס סאַלאַנאַ איז אַוועקגעפיהרט געוואָרען אויף סענ־נאַט'ס יאַכטע אין בּערנהעם, און איך פאָהר אויף דעם יאַכטע, און איך בּעדאַרף צו האָבּען אַ מענשען. וועלכער זאָל מיר קענען העלפען, ווען איך וועל עס בּעדאַרפען.

— איהר ווערט בּעקומען דעם מענשען, צו אַלדי רוחות! האָבּ איך אויסגערופען, ווילד פינאַנ־דערלאַכענדיג זיך — איך בּין פריי, בּיל, מיין פראָ־צעס איז בּטל געוואָרען. אין דעם לעצטען מאָמענט איז אָנגעקומען מילפאָרד מיט בּעווייזען, אַז סיריל דער'הרג'עט דאָקאָסטאַ.

בּיל האָט אַזוי אויסגעשריגען פאַר פרייד און אָנגעכאַפּט מיך פאַר דער האַנד:

— שטימט עס, רושעק? ! איי, אַ פיינע נייעס! כאַפּט זשע שנעלער אייער הוט, מיין טייערער, און לאָמיר פאָהרען!... אויפ'ן וועג וועל איך אייך אַלץ דערצעהלען!...

(פאָרטזעצונג קומט).

דאָס יודישע געטאָ אין קראָקאָ

(ענרע פון 3־טע זייט).

אויך דאָ מוז מען אָראָפּגעהן אַ פּאָר טרעפּ כדי זיך צו געפינען אין דער שול, וועמעס אונטערשטער טייל געפינט זיך שוין אונטער דער ערד. דערפאַר האָט מען אַ מאָדנעם איינדרוק: פון דרויסען זעהט די שוהל אויס זעהר נידעריג, אינעווייניג אָבער זעהט מען ערשט דעם טעות. צוויי ריזיגע זיילען האַלטען אונטער דעם פּראַכט־פולען גאָטישען סופיט. עס איז דאָ אַ פאָלקס־לעגענדע, אַז בשעת דער שוועדישער אינוואַזיע, ווען עס האָט געדראָהט אַ סכנה פאַר דער שטאָדט, האָבען יודען צונויפגעזאַמעלט אין דער שול אַלע קאָסטבאַרע זאַכען, דאָס גאַנצע גאָלד און זילבער און האָבען פערשאָטען מיט ערד די גאַנצע שוהל, אַזוי אַז עס האָט אויסגעזעהן ווי אַ באַרג, שפּעטער האָט מען ערשט אויסגעגראָבען די אוצרות, די שוהל איז שוין אָבער זייט דעמאָלט געבליבען טיילוויז פערשאָטען מיט ערד. אַזוי קלערט אויף די לעגענדע, פאַרוואָס די שוהל איז אַזוי נידעריג געבויט. מיר ווייסען אָבער, אַז דאָ איז פאָרגעקומען עפּעס אַנדערש: מ׳ האָט פּשוט נישט געטאָרט בויען אַ הויכע שוהל, האָט מען זיך אַזוי אַנ׳עצה געגעבען: פון דרויסען איז די שול געווען גאַנץ נידעריג און פון אינעווייניג — הויך און שלאַנק און דער־הויבען.

אומשאַצבאַרע אוצרות בעהאַלט אין זיך די אַלטע שוהל. אַלטע ספר־תורה׳ס, וועלכע זאָלען נאָך שטאַמען פון שפּאַניען, פון וואַנען זיי זענען אַהערגעבראַכט געוואָרען דורך די אַרויסגעטריבענע יודען, פּראַכטפולע „פרוכת׳ן, בעכערס אויף קידוש, אַלטערטימליכע לאָמפּען און הענגלייכטער, מנורות. דער באַלעמער, וואָס שטעהט אין דער מיט — אַ מייסטערווערק פון אַלטער שלאָסער־אַרבייט.

אויסלענדישע קונסט־היסטאָריקער האָבען נישט געגוג ווערטער פון ענטציקונג און התפעלות כדי צו שילדערן זייער איינדרוק פון דער שוהל, נאָך אַ יאָהר צוריק האָט די שוהל בעזוכט דער פּוילישער מלוכה־פּרעזידענט, וועלכער איז אויך געווען פול התלהבות.

אַ קייזערליכער גאַסט האָט די שול אויך מקבל פּנים געווען. דער טראַגיש־פערשטאָרבע־נער זוהן פון קייזער פראַנץ יאָזעף, דער פּראַנ־פּאָלגער רודאָלף, וואָס האָט זיך שפּעטער גענומען דאָס לעבען, איז בעת זיין אויפהאַלט אין קראָקע געווען אין דער אַלטער שוהל, „געדאַווענט״ ביי דער מזרח וואַנט. ביז נישט לאַנג איז געווען אויף דעם אָרט אַ טאָפעל מיט אַ העבּרעאישער אויפשריפט לזכרון עולם. ווען פּוילען איז גע־וואָרען אַ זעלבסטשטענדיגע מלוכה, האָט מען דעם טאָפעל אַראָפּגענומען. עס פּאַסט נישט... אָבער יודען געדענקען נאָך „זייער״ אומגליק־ליכען טראָנפאָלגער און האָבען איהם ליב, ווייל ער האָט זיי געליבט, און — ווייל ער איז געווען אומגליקליך...

געהט מען אַרויס פון דער אַלטער שוהל אויף דער „הויכע גאַס,״ וואָס איז אַמאָל געווען דער צענטרום פון דער יודישער געטאָ, זעהט מען קעגענאיבער דער שוהל אַ פיער־עקיגען פּאַרקאַן, וועלכער שטעהט אין מיט׳ן פון פּוסטען פּלאַץ — איינזאַם און געהיימניספול, אויפ׳ן טויער, וואָס איז פערמויערט מיט שטיינער, קאָן מען נאָך געפינען אַנ׳אַלטע העבּרעאישע אויפ־שריפט, וועלכע מען קאָן אָבער נישט דורכליי־ענען, ווייל די אותיות זענען גענצליך מטושטש און פערווישט. מען ווייסט אָבער, אַז דאָס בית־קברות׳ל איז ענטשטאַנען אַרום יאָהר 1494.

דאָס איז דער עלטסטער יודישער בית־עלמין אין קראָקע. קיין שפּור אָבער פון מצבות וועט איהר דאָ נישט געפינען — אַלע זענען שוין איינ־געזונקען אין דער ערד.

אַ פאָלקס־לעגענדע דערצעהלט:

אויף דעם אָרט, וואו עס שטעהט היינט דער פּוסטער פּאַרקאַן, איז געשטאַנען אַמאָל אַ הויז. איינמאָל איז דאָרט פאָרגעקומען אַ חתונה. דאָס איז געווען ערב שבת. פאַר גרויס שמחה האָט מען פערגעסען, אַז עס איז שוין געקומען דער הייליגער שבת קודש און מען האָט זיך ווייטער משמח געווען ביז שפּעט אין דער נאַכט. אויף איין מאָל אָבער איז דאָס גאַנצע הויז צוזאַמען מיט חתן כלה און אַלע חתונה געסט פערזונקען געוואָרען אין דער ערד... דערפון שטאַמט אויך דער נאָמען פון אָט דעם בית־עלמין: „חתונה־קברות׳ל״ רופט עס דאָס פאָלק, און ווען אַ יוד זאָגט אויס דעם נאָמען, ציטערט ער אויף פאַר שרעק.

און ס׳איז אַ פאַקט: אין קראָקע מאַכט מען נישט „זייט דעמאָלט״ קיין חתונות ערב שבת. עס איז נאָר אַ מנהג, — האָט זיך אָבער דער דאָזיגער מנהג אַזוי טיף איינגעוואָרצעלט, אַז ער האָט שוין אַזאַ בעדייטונג, ווי אַ „לא תעשה״ פון דער תורה. אויב מען וויל אָבער דאָך מאַכען פרייטאָג אַ חתונה, געהט מען קיין פּאָדגוזשע, די פאָרשטאָט, וואָס ליגט אויף דער אַנדערער זייט פון. ווייכסעל.

אַזאַ שטאַרקען אָפּקלאַנג האָט געפונען אַ לע־גענדע אין ווירקליכען לעבען.

•

אַ פּאָר שריט נאָר טיילען אָפּ דאָס „חתונה־קברות׳ל״, פון דער בעריהמטער „רמ״א־שוהל״, וועלכע איז ווידער פערבונדען מיט׳ן אַלטען קראָ־קאָווער בית־עלמין.

די שוהל האָט געגרינדעט ר׳ ישראל איסערל, דער פאָטער פון ר׳ משה איסערליש (רמ״א) אַרום יאָהר 1550. די אַלטע שוהל איז שוין דעמאָלט געווען צו ענג און האָט נישט געקאָנט אַרומנעה־מען די גאַנצע קהלה. דער נדבן, ר׳ ישראל איסערל איז געווען אַ רייכער סוחר, זיין זוהן, דער רמ״א, געהערט צו די גרעסטע גאונים, וועל־כע עס קען די יודישע טראַדיציע, ער איז געווען אַ טיפער למדן און אַ פילאָזאָף, וואָס איז בעגאַנ־גען אין די דרכים פון גרויסען רמב״ם, אַ גאַנצע רייה ווערק האָט דער רמ״א פערפאַסט און זיינע ספרים זאָגען עדות וועגען זיין גרויסער חריפות און לומדות.

לויט דער לעגענדע האָט ר״מא איבערגע־לאָזט 33 ספרים, 33 יאָהר איז ער געווען אַלט ווען ער איז געשטאָרבען, און געשטאָרבען איז ער ל״ג (33) בעומר.

ל״ג בעומר טאָקע, אין טאָג פון זיין יאָהר־צייט, פאָהרען זיך צונויף אין קראָקע טויזענדער יודען פון נאָהענט און וויים, קומען אויף זיין קבר, גיסען אויס זייער ביטער האַרץ, בעטען ישועה, יעדער איינער שרייבט אויף אַ „קוויטעל״ זיין איניגסטען וואונש און וואַרפט עס אויף דער מצבה. דער דאַרף פּרנסה און יענער אַ רפואה, דער וויל חתונה מאַכען אַ טאָכטער און האָט נישט אויף נדן, יענעם וויל דער גלח פערטרייבען פון דער קרעטשמע אין דאָרף... אַלץ ווערט אויפגע־שריבען און אַנידערגעלייגט אויף דער מצבה. גאַנצע בערג מיט אַזעלכע „קוויטלעך״ ליגען דאָרט.

אויף דער מצבה פון רמ״א שטעהט אויפגע־קריצט: „ממשה ועד משה לא קם כמשה״.

אַנ׳אַנדער גאון ליגט אויך אויפ׳ן אַלטען בית־עלמין: דער קראָקעווער ראש־ישיבה ר׳ נתן נטע שפּירא, דער מחבר פון „מגלה עמוקות״, דאָס בעריהמטע רבנישע ווערק, „והוא שאומרים עליו שדיבר אתו אליהו פּנים אל פּנים״ (מען דערצעהלט פון איהם, אַז ער האָט גערעדט פּערזענליך מיט אליהו הנביא) אַזוי שטעהט אויף זיין מצבה.

אָבער אויך אַנדערע גאונים, רבנים בעריהמ־טע מענער, קדושים, וואָס האָבען געאָפּפערט זיי־ער לעבען על קידוש השם—ליגען אויפ׳ן אַלטען יודישען בית־עלמין אין קראָקע, וועלכע האָט אַנ־אומגעוועהנליכען ראָמאַנטישען חן אין זיך.

וואַרפט נאָר אַ בליק אויפ׳ן בילד פון דער רמ״א שול, ס׳אַרא שהנקיט און איינגאַרטיג־קייט פון סטיל, ס׳אַרא וואונדערבאַרע, ס׳אַרא סי־מעטרישע געשטאַלטען, ס׳אַרא מאַיעסטעט פון נישט דער וועלט ליגט אויפ׳ן גאַנצען בנין אַזוי האָט מען געבויט שוהלען פאַר הונדערטער יאָהרען.

ל—ר.

Dr. med. NIEWIAŻSKI
ספּעציאַליסט פאַר סיפיליס, טריפּער און הויט־קראַנקה. בעהאַנדלונג פון מענער־שוואַכע.
אַנדזשעיאַ 5, טעל. 59-40
נעמט אָן פון 8־2 נאָכמ. און פון 5־9
בעזונדערער ווארטע־זאַל פאַר פרויען.

כי ימצא בקרבך איש או אשה אשר ילכו
וואָס קלערען צו געהן אין אַנ׳אַנדערע ביוראָ
ודרשת היטב והנה אמת נכון הדבר, והגד להם זאלסטו זיי זאָגען
אַז נור אין ביוראָ ביים י. מאַנעלאַ רעכטסקאָנסולענט
17 פּיעטריקאָווער 17
52 זאַכאָדניאַ 52
טעלעפאָן 48-79
ווערט געוויסענהאַפט ערלעדיגט און געשריבען אַלע סאָנדאָווע זאַכען, ביטעס, קלאַוזולעס, זאַבעזפּיעטשעניעס אויף אַלע שטעט אין פּוילען, קאַרנע און ציוויל אַפּעלאַציעס, אָדוואָלאַציעס, אינטערציזיעס, ספּעציאַליסט פון שותפות־אַקטען, איבערזעצונגען אין אַלע שפּראַכען.
מיט אַכטונג
י. מאַנעלאַ, פּיעטריקאָווער 17
דורכגאַנג זאַכאָדניאַ 52.

Dr. MED. J. BETTE
ספּעציאַל־אַרצט פאַר אינערליכע־און קינדער־קראַנקה.
פּיעטריקאָווער 6, טעל. 44-95.
פּערריזם.
נעמט אָן פון 8 ביז 11 און פון 4 ביז 6 אָוונד.

Dr. HELLER
[illegible]
גאַרטנער 2 טעל. 79 [illegible]
[illegible]

אַ פעהיגער יונגערמאַן
מיט גוטע רעפערענצען זוכט בעשעפטיגונג ביי וואָס פאַר אַ אַרבייט עס זאָל נישט זיין.
אָפערטען אונטער „K״ אין אַדמיניסטראַציע.

Dr. med. **L. Pikielny**
אוראָלאָג
ספּעציעל אַרצט פאַר נירן בלאָזן־און האַרן־קראַנק.
NAWROT 8
tel. 19-90
עמפּפאַנגט פון 4־7 אָוו.
נעמט אויך אָן אין דער לעטשניצע „Zdrowie״ נאָוואָמיעסקאַ 3 פון $12\frac{1}{2}$ ביז 2 אַזייגער נאָכמ.

Dr. med. **W. EYCHNER**
גינעקאָלאָג־אַקושער
זגערזשער 11.
טעל 34-72
נעמט אָן פון 6־8 אָוועגד.

אַנ׳ערשטקלאַסיגע בעקעריי
מיט אַלע איינריכטונגען מיט 2 אייוועען אויף אַ גוטען פונקט, בעסטען צענטרום פון שטאָט איז אויף גוטע בעדינגונגען פון זאָפאָרט איבערצוגעבען צו ערפאַהרען אין אַדמינ.

אַ טיכטיגע בופעטאָווע
קען זיך מעלדען פון זאָפאָרט אין דער צוקערניע העפנער בענעדיקטאַ 20. 8671

השבת אבדה
ס׳איז פערלוירען געוואָרען אַ וועקסעל אויף 40 זל. אויסשטעלער יהודה שלמה פרענקעל, אָרדרע יטע גאַלסטער, צאָהלבאַר דעם 20 יולי 1929. דער וועקסעל ווערט ערקלערט פאַר אונגילטיג. אָפּצו־ברענגען צו בערקענשטאַט פּאָמאָרסקאַ 3. 6867

PALMA-PATENT
וויכטיג פאַר לעטניקעס
אַנשטאָט זיך צו באָרגען אַ בעט אויף אַבנוץ־געלד
קויפט בעסער פאַר׳ן זעלבען געלד
אַנ׳עכט פּאַטענטירט בעט מיט אַ מאַטראַץ
PALMA-PATENT וואָס איז פערזעהען מיט דער שוץ־מאַרק
פאַר וועלכען מיר גאַראַנטירען אויף 3 יאָהר.
אויסערדעם, בעזיצען מיר שטענדיג אויף לאַגער אין אַ גרויסען אויסוואַהל
ניקעל־בעטען, אַמעריקאַנקעס,
ניקעל־קינדער־בעטען, קינדער־וועגעלעך,
טיש־בעטען, קינדער־בענקעלעך
מעטער־מאָס. אויף רעדלעך.
מאַטראַצען געבעטע, שאַסקאָווע און קאַנאַדיסקע קאָזעטקעס און טאָפּטשאַנעס
בעט.: בעטלעך מיט ווענטלעך ווייס און ברוין 17 זל., פאַלאָווע־בעט. 14 זל.
רעעלע בעהאַנדלונג. פאַבריקס־פּרייזען. זעמפּליכע רעפּעראַטורן.
הורט לאָדז, פּאָלנאָצנאַ 24, טעל. 31-85. דעטייל

SZKOŁA PRZEMYSŁOWA
T-wa Szerzenia Oświaty i Wiedzy Technicznej wśród Żydów
w Łodzi, ul. Pomorska 46/48
אָבטיילונגען:
מעכאַנישע, עלעקטראָטעכנישע און וועבעריי.
אָנמעלדונגען געהמט אָן די קאַנצעלאַריע טעגליך פון 10־2 נאָכמ.

אַ דאַנק אַלע חברים
פון יוד. שחט־הויז־אַרבייטעד
פאַר די גוטע בעהאַנדלונג, ווען איך מאַטים יאַנאַוואָסקי בין געזעסען שבעה נאָך מיין פער־שטאָרבענער מוטער האָט מיך קיינער פון די חברים צומאָל נישט מנחם אבל געווען, ס׳איז מיר געווען אַ שאַנדע פאַר פרעמדע מענשען. איך דאַ־גענען וועל צו זיי יאָ קומען.
8668

שייטלעך
צו מעסיגע פרייזען צו בעקומען ביי פּאַרזשוצקאַ, קאַמיעננאַ 5.

עס איז געפונען געוואָרען
אַ געוויסע סומע
געלד
געגען סמנים און אַנאָנס־קאָסטען אָפּצונעהמען אין אַדמיניסטראַציע פון „נייעם פאָלקסבלאַט״. 9898

Dr. **Z. Aronson**
פרויען דאָקטאָר
צוריקגעקעהרט

השבת אבדה
פאָהרענדיג פרייטאָג, דעם 9 אויגוסט פון לאָדז קיין אַנדזשעיעוו מיט׳ן צוג 17.35 האָב איך איבערגעלאָזט אויף דער באַהן אַ שוואַרצען מאַ־רינגאַ זומער־פּאַלטען. דער ערליכער פינדער ווערט געבעטען געגען בעלוינונג אָפּצוברענגען צו קאָם. פישער, פּולנאָצנאַ 22. 6870

אַנ׳ערשטקלאַסיגע
קעכין
וועלכע קען אויך גוט קאָכען מילכיגע מאכלים ווערט געברויכט אין קאַפע „אַטלאַנטיק״ אויף פּיעטריקאָווער 48. צו ערפאַהרען אויפ׳ן אָרט.

לעטשניצע פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען
און ערצטליך־דענטיסטישער קאַבינעט
זגיערסקאַ 17 טעל. 16-33.

ד״ר ראַקאָווסקי נאָז האַלז, אויערען קר.	10—11 2—3 7—6
ד״ר רוזשאַנער הויט און געשלעכט קר.	10—11 1—2
ד״ר גאָלדשטיין־ אויגען־קראַנקהייטען פּאָלאַק	1—2 7—8
ד״ר יוסטמאַן נערווען קראַנקהייטען	12—2 הוץ זוג.
ד״ר ראָזענצווייג קינדער־קראַנקהייטען	10-12 4-5
ד״ר פּאָפּיערני פרויען און געבורטס־הילף	$11\frac{1}{2}$-1 5-6
ד״ר קאַנטאָר כירורגישע־קראַנק.	$4\frac{1}{2}$-$5\frac{1}{2}$ זוג. 1—2
ד״ר ווייגבערג אינ. הערץ לונגען	12—1, $6\frac{1}{2}$—$7\frac{1}{2}$
ד״ר סטופעל רענטגען	12—2, 4—6
גראָדזענטשיק צאָהן־אַרצט	3—7
ראַזעס צאָהן־אַרצט	8—2

צאָהן־מעגדהמלונג, בעליכטונגען, קראָנען, מאָסטען א.א.וו.
בעי דער לעטשניצע איז געעפנעט געוואָרען
אַ רענטגען־אינסטיטוט
המלונג פון הויט קראַנקהייטען פון קאָפּ (פאַרך) מיט רענטגענשטראַלען, פאַר בעשטראַלונג און דורכלייכטונגען. קוואַרץ־לאַמפּע, דיאַטערמיע, עלעקטריזאַציע, אַלע מעדיצינישע אַנאַליזען. אַ קורס פאַר שטאַמלער.
איגפּאָנגענגען שאַרלאַך (שקאַרלאַטין) פון 4—5 נאָכמ.
די לעטשניצע איז אויך אָפען זונטאָג
וויזיט אין דער שטאָט.
ערצט.־קאָסמעטיש. קאַבינעט
פּראָפ. מאַרקוס נעהמט אָן פון 5־7 אָוונד

Za Wydawnictwo „Najer Folksblat" Spółdz. z odpowiedz. udziałami: Ch. J. Brzustowski i D. Silberberg.
Czcionkami i druk „Najer Folksblat" Piotrkowska 21.
Redaktor odpowiedzialny Ch. Kaufman.